STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04469

# KOTSKER MAYSES

Luzer Bergman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1

# קאצקער מעשיות

פופציג שיינע וואונדערליכע מעשיות
מיט א קורצע ביאגראפיע .

דערצעהלט וועגען אלטען קאצקער
רבי'ן ר' מענדעלע זצ"ל ,
פון אלטע קאצקער חסידים .

נדפס בישראל בשנת תשכ"ט

ווארשא

תרפ"ד 1924

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

## אַ קורצע ביאָגראַפיע פון קאָצקער רבי'ן:
## הרב הצדיק ר' מנחם־מענדל זצ"ל.

געבוירען איז דער רבי, אַנ'ערך אין יאָהר תקמ"ח אין שטעד־טיל גוריי לובלינער גוב. ביי מתנגדישע עלטערען. באַלד פון קליי־נערהייט האָט ער זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ גרויסען מתמיד אין עלוי. צו 14 יאָהר האָט ער חתונה געהאַט פון טאָמאַשאָוו. ער איז דאַן שוין געווען אַ בקי אין ש"ס און פוסקים, דערצו אַ גרויסער מתנגד. ער האָט געהאַלטען שטאַרק פון ווילנער גאון. אַ סך רבי'ים האָבען איהם געוואָלט האָבען פאַר זייער חסיד; ווי דער קאָזשיניצער מגיד, דער רבי פון לובלין און אַנדערע. געפאָהרען איז ער קיין לובלין, די חברים זיינע זענען געווען: דער „יוד" הקדוש, און דער רבי ר' בונם. שפעטער איז ער געוואָרען דעם „יוד'ס" תלמיד, דערנאָך דעם רבי ר' בונמ'ס. נאָך די פטירה פון רבי ר' בונם אין יאָהר תקפ"ז, איז ער געוואָרען רבי. די תלמידים זיינע זענען געווען: דער אַלטער גערער רבי, דער חדושי הרי"ם; און דער אַלעקסאַנדער רבי ר' הענין און אַנדערע. די גרעסטע לומדים פון פוילען זענען געווען זיינע תלמידים, און ער האָט געהאַט דעם גרעסטען עולם חסידים. אַזוי האָט ער געפיהרט אַ צייט; שפעטער האָט ער זיך „פערמאַכט", אַנ'ערך אויף 20 יאָהר, קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט.

נפטר איז דער רבי געוואָרען כ"ב שבט אין יאָהר תרי"ט אין קאָצק.

— תנצב"ה —

## א.

# שריי צוריק טמא.

אין קאָצק איז געווען א וואַסער-טרעגער, א גרויסער עם־הארץ, א גראָבער יונג, ער האָט נישט געקענט קיין צורה פון אַן אלף.

צו דעם איז ער געווען א גרויסער פרומער, יודישקייט האָט ער אָבגעהיט מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה.

ער איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען פאַר'מרה'שחורה'ט, ער האָט געוואָלט עפּעס תפילה טוען צו גאָט, און נישט געקענט.

איינמאָל האָט ער אין בית־המדרש דערהערט דאָס וואָרט „טמא" איז איהם דאָס וואָרט אַריין אין זכרון.

ביי איהם איז דאָס וואָרט „טמא" געוואָרען א גאַנצע „תפילה" טאָג און נאַכט, האָט ער געהאַלטען אין איין מורמלען: טמא, טמא, טמא. טמא. אָהן א סוף. צום מייסטען פלעגט ער דאָס וואָרט בענוצען צום „דאַווענען": אין דער פריה פלעגט ער אַרויסגיין אונטער די שטאָט, דאָרט האָט ער געהאַט א גרוב, פלעגט ער אָנהויבען אַריבערשפּרונגען איבער'ן גרוב, און שרייען מיט'ן גאַנצען כח: „טמא, טמא!" זיין גאַנצע נשמה האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט. וואָס ער האָט געוואָלט אויסדרוקען, האָט ער אויסגעדרוקט מיט דעם וואָרט. אַז מענשען פלעגען דורכגיין נעבען גרוב, פלעגען זיי זעהן און הערן, ווי ער שרייט און טאַנצט איבער'ן גרוב מיט מסירות נפש, מיט'ן גאַנצען כח, שוויס האָט זיך איהם אַרויסגעשלאָגען טאַנצענדיג, און שרייענדיג:

טמא טמא. מעהר ווי אַ שעה פלעגט ער אַזוי שפרינגען, און דערנאָך אַ היים געהן אַ פרעהליכער — אָבגעדאַווענט.

מיט די מענשען וואָס פלעגען דורך געהן, און אָבלאַכען פון איהם, פלעגט ער זיי אויסמיידען, נישט געוואָלט מיט זיי קיין מגע משא האָבען.

אַזוי האָט ער זיך געפיהרט אַ צייט מיט יאָהרען.

די גאַנצע שטאָט האָט איהם שוין געקענט, יונגלעך פלעגען איהם נאָך שרייען: „טמא".

ער פלעגט קיינעם נישט טשעפען, נישט באַליידיגען, געהן זיין וועג.

איינמאָל ווען ער האָט געהאַלטען אין מיט'ן שפרינגען און שרייען „טמא", איז דורך געגאַנגען דער קאָצקער רבי זצ"ל, זעהט ער ווי דער וואַסערטרעגער שפרינגט מיט מסירות נפש, און שרייט מיט אַלע כוחות: „טמא".

האָט דער רבי אויף איהם רחמנות געקריגען, דער רבי האָט פאַרשטאַנען אַז דער וואַסערטרעגער מיינט נישט מיט'ן וואָרט „טמא" קיין שום שלעכט'ס, האָט עס דעם רבי'ן אָנגענומעןביים האַרץ, פאַר וואָס זאָל ער גלייכער נישט שרייען: טהור?

פרעגט דער רבי דעם וואַסערטרעגער: וואָס שרייסטו?

— איך דאַווען, ענטפערט דער וואַסערטרעגער, כ'האָב נאָך היינט נישט געדאַווענט, ס'איז שוין שפעט, כ'דאַרף געהן וואסער טראָגען.

— אַזוי, זאָגט דער רבי, גוט, הער אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגען: פון היינט אָן זאָלסטו מעהר נישט שרייען „טמא", נאָר „טה'ר" געדענק! זאָג — טהור, טהור, טהור!

— טהור, טהור, טהור, טהור, טהור, טהור! שרייט דער וואַסערטרעגער.

— גוט, זאָגט דער רבי, געדענק, פון היינט אָן פאַרגעס דאָס ערשטע וואָרט, נאָר שריי — טהור!

דער רבי איז אַוועקגעגאַנגען, דער וואַסערטרעגער האָט אָנגעהויבען מיט מעהר היץ צו שרייען: טהור!

אַזוי האָט ער געשריגען אַ 10 מינוט.

אין מיטען האָט ער זיך פאַר מיליעט, און פאַרגעסען דאָס וואָרט, אויך דאָס ערשטע וואָרט זיינס, האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסען, ביז ער האָט אָנגעהויבען פּלאַפּלען אַ אומפאַרשטענדליך וואָרט: „טמור"...

ער האָט געפיהלט אַז דאָס איז נישט דאָס צווייטע וואָרט, און נישט דאָס ערשטע; ער האָט אָנגעהויבען וויינען: דער רבי האָט מיר אומגליקליך געמאַכט, נישט איך געדענק דאָס צווייטע וואָרט, נישט איך געדענק דאָס ערשטע.

האָט ער זיך מיישב געווען: כ'וועל נאָך לויפען נאָכ'ן רבי'ן. און גענומען שרייען: רבי, געוואַלט, האָט אויף מיר רחמנות שטייט! ער האָט דעם רבי'ן אָנגעיאָגט ביים טייך, זעהט ער ווי דער רבי נעהמט אַ רויטע פאַטשיילע, לעגט אַ נידער אויפ'ן וואַסער, און הייבט אָן שווימען; איז ער אויך צו צום וואַסער, און האָט אויך אַזוי געטאָן: אויסגעשפּרייט זיין טיכעל אויפ'ן וואַסער, און אָנגעהויבען נאָך שווימען, און שרייען: רבי, רבי, איך האָב פאַרגעסען אייער וואָרט, און איך געדענק נישט מיין ערשט וואָרט, לערנט מיר צוריק אויס מיין „וואָרט".

דער רבי האָט זיך אומגעקוקט, זעהט ער ווי דער וואַסערטרעגער שווימט איהם נאָך, אויף אַ פאַרטשיילע, איז דער רבי שטאַרק נתפעל געוואָרען, ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז צוליעב זיין תמימות, און צדקות, האָט דער רבי גענומען שרייען צו איהם: שריי צוריק,— טמא, טמא!

יאָ יאָ טמא, טמא, טמא, טמא, טמא, טמא, טמא! דער וואַסערטרעגער איז אַהיים געלאָפען מיט גרויס שמחה, און שרייט ביז'ן היינטיגען טאָג—טמא!

דאָס איז אַ כח פון אַ יודיש וואָרט.

# פַאלשער האָניג.

צום קאָצקער ז״ל איז געפאָהרען אַ יוד שלום פאַכטער, אַ פּראָסטער דאָרפס יוד, אַן ערליכער.

געהאַנדילט האָט דער יוד מיט אַלסדינג, ווי אַ דאָרפס יוד, נאָר די הויפּט פרנסה זיינע – איז די לעצטע צייט געווען האָניג.

געוואוינט האָט ער אויף אַ דאָרף, נישט ווייט פון קאָצק, ער פלעגט כמעט אַלע טאָג זיין אין קאָצק, צום רבי׳ן פלעגט ער די ערשטע צייטען, אָפט אַריין קומען, נאָר צייט ער האָט אָנגעהויבען האַנדלען מיט האָניג, זעהט מען איהם נישט.

דער רבי האָט זיך נישט איינמאָל נאָך געפרעגט באַ די משמשים: פאַר וואָס זעהט מען נישט שלום פאַכטער?

די משמשים פלעגען נישט וויסען וואָס צו ענטפערן.

איינמאָל פרייטאָג טרעפט אַ משמש שלומ׳ן אין מקוה, פרעגט ער איהם: שלום פאַר וואָס זעהט מען דיך נישט?

דער רבי האָט שוין עטליכע מאָל געפרעגט אויף דיר. שלום איז געוואָרן פאַרשעהמט, און אָנגעהויבען שטאַמלען:

– כ׳האָב, כ׳ווייס, עפּעס, כ׳שעם זיך צו קומען צום רבי׳ן.

— פאַר וואָס? פרעגט דער משמש.

— כ׳שעם זיך, איך קען דיר נישט זאָגען, כ׳וועל שוין אי״ה נאָך שבת זיין ביים רבי׳ן.

די צווייטע וואָך, איז שלום געקומען אין בית המדרש אַריין, שטאַרק פאַר מרה שחורה׳ט, עפּעס אַ סוד איז אויף איהם געלעגען.

אַסך בעקאַנטע האָבען איהם געגעבען שלום עלי[illegible], און געפרעגט:

– פאַר וואָס זעהט מען דיך נישט שלום?

נאָר יעדען האָט ער אָב געענטפערט מיט אַ האַלב מויל.

אריינקומענדיג צום רבי'ן, איז ער געבליבען שטעהן ביי די טהיר, די אויגען אראָב געלאָזט.

— וואָס שטעהסטו עפּעס אַזוי שלום? האָט דער רבי געגעבען אַ געשריי. שלום גייט צו נאָהענטער, גיט דעם רבי'ן שלום, און שווייגט.

— נאָר וואָס וועהט מען דיך גישט?

— רבי, רבי, איך, איך שטעה זיך אייך צו דער צעהלען, נאָר איך מוז עס אייך דער צעהלען: איהר רבי לערנט אַלץ די „מידות האמת" און איך בין בלויז „שקר": איך האנדיל מיט פאַלשען האָניג; האָב איך ביי מיר נישט געקענט פועל'ן אייך רבי אָבצונאַרען: איהר לערנט געהן מיטן „אמת", און איך מוז שטענדיג געהן מיטן „שקר".

דער רבי האָט זיך פאַר קלערט, און אַזוי געזאָגט: — הער אויס שלום, איך קען דיר גאַנץ גוט, איך פאַר שטעה דיר, על־כן פאָלג מיין עצה; איך וועל דיר גישט הייסן אַוועק וואַרפען די גאַנצע פרנסה פון וואַנען וועסטו לעבען, נאָר איך וועל דיר זאָגען אַ וועג, ווי אַזוי דו קענסט זיך אַרויס דרעהן פון די פרנסה; זאָג נאָר שלום, וויפיל איז דיר נישט קיין שאָד, דו זאָלסט היזק האָבן, אבי דו זאָלסט גישט אָב נאַרען?

— ביז אַ זעקסער, לאָמיר זאָגען.

— יאָ, שטאַמעלט שלום.

— טאָ זאָלסטו פון היינט אָן, אַזוי זיך פיהרען: אז ס'וועט זיך דיר מאַכען צו פאַרדינען אַ זעקסער אין פאַלשען האָניג, זאָלסטו נישט וועלען; מעהר ווי אַ זעקסער־יאָ, דאַרפסט דאָך לעבען, נאָר ווינציגער ווי 7 גראָשען ריווח זאָלסטו נישט האנדלען, וועסטו זיך אָבגעוואוינען: היינט איז ביי דיר נישט קיין שאָד אַ זעקסער, אין פיער וואָכען אַרום וועט ביי דיר גישט זיין קיין שאָד אַ צעהנער, ביז דו וועסט זיך אָבגעוואוינען.

שלום האָט אויסגעשטראַלט פאַר שמחה: גערעכט רבי, גערעכט! איך וועל אַזוי טוען ווי איהר האָט מיר געלערנט, איה"ה מאָרגען נאָ־

איך אַ פראָבע, וועניגער ווי 7 גראָשען ריווח וועל איך נישט פאַרקויפען, און נישט קויפען.

דער רבי, האָט איהם געזעגענט, און געווינשען „הצלחה". אַוועקגעהנדיג פון רבי'ן, איז שלום געוואָרען אַנ'אַנדער מענש, אַצינד, טראַכט ער זיך, וועל איך צוריק אָנהויבען קומען צום רבי'ן, דערנעהנטערען זיך צום „אמת".

אַהיימקומענדיג, האָט שלום פּאַסטער אָנגעזאָגט זיין ווייב מיט די קינדער: ווי אַזוי זיי זאָלען קויפען און פאַרקויפען. דערוויל האָט ער ביי זיך אָבגעמאַכט: מוז איך זעהן אויסאַרבייטען אין זיך די „מידות האמת": נישט זאָגען קיין ליגענד, נישט רעדען קיין לשון-הרע, נישט אויסהערען קיין רכילות; בקיצור ער האָט אָנגעהויבען מקיים זיין דעם „מדבר שקר תרחק", אויפ'ן גרויסען שטייגער. אַזוי האָט ער זיך געפיהרט אַ פּאָר וואָכען.

שפּעטער, איז ער ווייטער געקומען צום רבי'ן, אָבער גאָר אַנ'אַנדער מענש: די אויגען אָפען, דאָס פנים פרעהליכער; נאָר הינטער די אויגען איז נאָך געלעגען אַ צער.

אַז דער רבי האָט דערזעהן שלומ'ן, האָט ער אויסגעשריגען: אַ שלום וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דיין „אמת"? כ'מיין דיין „שקר"

שלום איז רויט געוואָרען, שטאַמלענדיג האָט ער געענטפערט:

— רבי, כ'האָב איך געפאָלגט, און געלויבט איז דער אייבערשטער, כ'האָב נישט צו געלעגט.

— נו אַצינד שלום, העכער, געה ווייטער, געדענקסט וואָס כ'האָב מיט דיר אָבגעמאַכט?

— יאָ, רבי, כ'געדענק, איך וועל פון היינט אָן וועניגער ווי 11 גראָשען ריווח נישט קויפען, און פאַרקויפען.

— געה לשלום, זאָגט דער רבי, און קום ווייטער.

שלום איז אַהיים געפאָהרען מיט שמחה, און זיין ווייב אָנגעזאָגט די 2-טע בשורה: אַז פון היינט אָן מיין ווייב, טאָרען מיר, נישט

פאַרקויפען, אָדער קויפען קיין פאַלשען האָניג- אונטער 11 גראָשען ריווח, און פאַר 10 גראָשען ריווח זאָלסטו אוועקלאָזען.

זיין ווייב איז געווען אַ אשה כשרה, האָט זי זיך נישט געגענגע-שטעלט דעם מאַנס ווילען און איז בעשטאַנען.

שלום איז פאַר זיך אליין, געוואָרען פרומער, ערענסטער-געדאַווענט, געזאָגט תהלים, געוואָרען אַ מחמיר אויפ'ן „שקר".

אַזוי האָט אָבגעדויערט אַ חודש.

שלום איז ווייטער געקומען צום רבי'ן. אַצינד האָט ער שוין גע-האַלטען ביי 20 גראָשען; און אַ חודש אַרום ביי אַ גילדען, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ רובעל, פון דעמאָלסט אָן האָט איהם אָנגעהויבען געהן אַלץ בעסער, ביז ער איז געוואָרען אַ גביר.

אָבער שוין נישט פון פאַלשען האָניג, נאָר טאַקי פון „אמת'ן".— די ערשטע צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבען פאַרקויפען „אמת'ן" האָניג, האָט ער היזק געהאַט קונים, אָבער שפּעטער, האָבען זיי זיך אַרום געזעהן אַז שלום איז גרעכט, ער וויל טייערער פאַר זיין האָניג, אָבער, ער גיט „אמת'ן" האָניג.

די קונים זענען איהם געוואָרען גוטע פריינד, און פאַר קיין שום געלט האָבען זיי נישט געוואָלט ביי אַ צווייטען קויפען. און ווען שלום פאַכטער, האָט שוין דעם פאַלשען האָניג, אינגאַנצען אוועקגעוואָרפען, איז ער געקומען צום רבי'ן מיט אַ בשורה:

— רבי, אַצינד בין איך צוריק אייער תלמיד, איך ווך דעם „אמת".

— ניין שלום, זאָגט דער רבי, מיר האַלטען נאָך נישט אַזוי וויט, דו ביזט אַריבערגעלאָפען; מיר האַלטען אַצינד: ביים „מדבר שקר תרחק" פאַרשטעהסט? אַ ביז צום „אמת" איז נאָך אַ שטיק וועג'ס... נאָר שאַט נישט, קום ווען מיר געהן צוזאַמען, ווי זאָגט די גמרא: „בדרך שאדם רוצה לילך מוליכן אותו". (אין דעם וועג וואָס אַ מענש וויל געהן פיהרט מען איהם פון הימעל) ווייסטו וואָס די גמרא מיינט מיט'ן „מוליכן אותו?"

— מ'פיהרט איהם אַרויס פון „בלאָטע", מ'ווייזט איהם דעם גלייכען וועג—און געה!...

## ג.

# אין וואלד.

הינטער קאָצק איז דאָ אַ וואלד, אין דעם וואַלד פלעגט דער קאָצקער זצ"ל, געהן שפּאַצירען. איינמאָל פאַרנאַכט איז ער אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד מיט זיינע מקורבים, און געשמועסט אין חסידות, די בריטשקע איז מיט געפאָהרען. די היימישע האָבען שוין געוואוסט, אַז אין וואַלד זאָגט דער רבי טייערע ווערטער, פלעגען זיי איהם שטענדיג לאָזען רעדען. געשמועסט האָט מען דאַמאָלסט פון „אהבת ישראל". דער רבי האָט זיך שטאַרק צוקאָכט, און געזאָגט אויף דעם אַ גרויסען מאמר, אַלע האָבען געשוויגען, געשלינגען יעדעס וואָרט, אין מיט'ן שטעלט זיך אָב דער רבי, הייסט צורופען די בריטשקע, ס'זענען באַלד אַרויסגעלאָפען עטליכע יונגעלייט, דער רבי האָט זיך אויפגעזעצט.

אויף די בריטשקע איז אַרויף 4 עלטערע חסידים. אַזוי ווי די בריטשקע האָט זיך גערירט, זענען די יונגעלייט נאָך, דער רבי האָט געהייסען פאָהרען פּאַמעלעך. דערווייל האָט דער רבי דערזעהן אַ שיינעם בוים, רופט זיך אָן דער רבי: איהר געדענקט דעם פּרק: „המהלך בדרך, ושונה; ומפסיק ממשנתו, ואומר מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה, מעלה עליו הכתוב כאלו מתחייב בנפשו"... (אַז איינער געהט אין וועג, און לערנט, און הערט אויף לערנען, און זאָגט: ווי שעהן איז דער בוים, ווי שעהן איז דאָס פעלד, זאָגט אויף איהם דער פּסוק: ער איז אַליין שולדיג אין זיין טויט...) נו וואָס זאָלען מיר טוען, דער בוים איז דאָך איינער פון מעשה בראשית, איינער פון גאָט'ס שענקייטען, פאַרוואָס טאָרען מיר נישט בעוואונדערען גאָט'ס שיינקייט? אַלע האָבען געשוויגען, מ'האָט געוואוסט אַז דער רבי וויל עפּעס זאָגען; דער רבי האָט געשוויגען, געקוקט אויף די מקורבים, זיי האָבען זיך איבערגעקוקט, קיינער האָט נישט געענטפערט.

— וואָס שווייגט איהר, בייזערט זיך דער רבי, איז נישטאָ קיין

תירוץ? זאָג דו! האָט זיך דער רבי, געווענדעט צו אַ יונגערמאַן. דער יונגערמאַן איז בלאַס געוואָרען. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— נו שווייגסט? בייזערט זיך דער רבי.

— רבי, איך וויל דעם רבי'ן איבערבעטען, איך ווייס נישט, וואָס מען דאַרף טוען? ענטפערט פאַרשעמט דער יונגערמאַן,

— ביזט אַ שוטה, האָסט געהערט וואָס מיר האָבען דאָ גערעדט פון אהבת ישראל? אהבת ישראל האָט קיין גרעניץ נישט, פאַר אַ יוד'ס וועגען דאַרף מען געהן אין פייער אַריין; פאַר אַ יוד דאַרף מען זיך מסר-ונפש זיין; פאַר אַ יוד'ס וועגען, טאָר נישט זיין צו שווער צו טוען די גרעסטע, וואָ שווערסטע זאַך. היינט אַז מיר זעהן דאָ אַ שעהנעם בוים, דאַרפען מיר ראשית אָבגעבען אַ שבח דעם רבונו של עולם, פאַר מעשה בראשית; און דערנאָך דאַרף מען זעהן וואָס קען מען מיט דעם בוים, אַ יוד אַ טובה טוען, לאָמיר זיך שטעלען, און דאַוועגען מנחה. דער רבי, איז אַראָב פון די בריטשקע, מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. נאָך מנחה, האָט דער רבי זיך געזעצט אונטער'ן בוים, די לופט איז געווען אַ הייסע, אין דרויסען איז געווען זעהר דושנע, די זון האָט אַ גאַנצע טאָג געברענט סכנות, דער רבי האָט אָנגעהויבען ווייטער זיי'ן שמועס פון אהבת ישראל. אַזוי האָט מען געשמועסט ביז נאַכט. ס'איז געוואָרען טונקעל, אין דרויסען האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ קיהל ווינטעל, אויפ'ן הימעל האָט זיך בעוויזען אַ כמאַרע, איינער פון די מקורבים האָט בעמערקט:

— מדאַרף אַ היים פאָהרען—ס'קען אָנהויבען רעגענען.

— זאָל רעגענען, שרייט דער רבי, דער רעגען טוהט זיין שליחות. האָט געהער זיך עס אָן מיט אונז. דערוויל איז אין דרויסען געוואָרען גוט פינסטער, מ'האָט כמעט נישט דערקענט איינער דעם צווייטען. די חסידים האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקען, ביינאַכט אין מיט'ן וואַלד, דער רבי האָט אַלץ גערעדט פון אהבת ישראל, דערוויל האָט זיך

אראב געלאזט א שלאקס רעגען, מיט דונערן, און בליצען, ס'האט אויסגעזעהן ווי פאר בריאת העולם! אלע האבען געשוויגען דער רבי האט אליין נישט אויפגעהערט רעדען פון אהבת ישראל. דערווייל דערהע- רען מיר א געשריי, ווי פון א מענש. אלע זענען געבליבען שטיל, דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט, געהייסען דעם פוהרמאן, זעהן ווער עס שרייט, דער פוהרמאן א געזונטער יוד, האט גענומען שמייסען דאס פערדיל, און געשווינד אבגעפאהרען. אין דרויסען האט, דערווייל געגאסען ווי פון צעבערס. די בליצען מיט די דונערן האבען נישט אויפגעהערט. דערווייל הערט זיך דאס קול נאך א מאל פונקט ווי מ'הרג'ט א מענש. אלע האבען אנגעהויבען מורא צו האבען, א פחד איז אונז בעפאלען, ווער ווייסט וואס דארט איז, אפשר גזלנים? דער רבי האט געהייסען זיך שטארקען, גערענקען אז ס'איז דא א גאט אויף די וועלט און זיך נישט שרעקען. דערווייל איז אנגעקומען צוריק צולויפען דער פוהרמאן און דערצעהלט: אויפ'ן וועג ליגען צוויי גוים, דער דונער, האט זיי איינגעשלאגען, זיי לעבען ביידע, זיי שרייען נאך הילף. דער רבי האט געהייסען געשווינד ארויף נעמען די גוים אויף די בריטשקע, און זיי אבפיהרען אין שטאט אריין. א פאר חסידים זענען מיט געלאפען צו די גוים, זיי ארויף גענומען אויף די בריטשקע, און אבגעפיהרט זיי אין שטאט. דערווייל האט אויפגע־ הערט רעגענען, ס'האט זיך אויסגעלייטערט, די לבנה האט אויפגע- שיינט, דער וועג איז געווארען ליכטיג. אצינד, זאגט דער רבי, קומט! וועלען מיר געהן א היים דאווענען מעריב. דעם ערשטען פרק „אהבת ישראל” האבען מיר מקיים געווען אונטער א שענעם בוים, אויף צוויי גויים. האט דאס, פירט אויס דער רבי, האט געמיינט דער תנא פון די משנה: מיט זיין „המהלך בדרך”, „ומפסיק ממשנתו”–איז ער „מתחייב בנפשו”–אז אין דרויסען געהט א רעגען, ווילסטו דאך א היים פאהרען און מפסיק זיין פון לערנען, וואלטען דאך די צוויי גוים גע'פגר'ט; אבער אז מיר האבען נישט מפסיק געווען פון לערנען האבען מיר

דאָך נישט אָבטונג־עגעבען אויפ'ן רעגען, האָבען מיר געראָטעוועט צוויי מענשען פון טויט. איהר פאַרשטעהט? דאָס, פיהרט אויס, דער קאָצקער חסיד, האָט דער רבי געמיינט מיט זיין אהבת ישראל — אַז דורך אהבת ישראל, קומט מען צו אהבת כל העולם!



ד.

# דער „יוד"

צדקה איז אַ גרויסע מצוה, בפרט ווען מ׳גיט אַ צדיק. דאָס וואָס איך וויל אייך אַצינד דערצעהלען איז פון צדקה:

דער „יוד" הקדוש איז אַמאָל געגאַנגען מיט ר׳ דוד׳ל לעלעווער ז״ל, צונויפנעמען נדבות.

אויפ׳ן וועג האָבען זיי געשמועסט אין לערנען, זיך מפלפל גע־ווען, דערווייל זענען זיי אַריינגעקומען צו אַ קאַרגען גביר. דער נגיד האָט אַ קוקגעטוען אויפ׳ן „יוד" זאָגט ער:—„דיר וויל איך נישט גע־בען, דו קענסט געהן אַרבייטען", און דעם צווייטען וועל איך יאָ גע־בען...

זיי האָבען זיך בעליידיגט, און אין גאַנצען נישט געוואָלט גע־מען די נדבה.

נאָך זייער אַוועקגעהן, איז דער נגיד געוואָרגעוואָרען ווער דער „יוד" איז, איז ער נאָך געלאָפען, און זיי צוריק אַריינגעבעטען צו זיך אין שטוב; ער האָט זיי געוואָלט איבערבעטען; ער האָט זיי גע־געבען אַ שעהנע נדבה, און געבעטען דעם „יוד הקדוש," ער זאָל איהם מוחל זיין.

רופט זיך אָן דער „יוד": אז איהר האָט נישט געוואוסט ווער איך בין, האָט איהר דאָך „מיר" נישט געמיינט. האָב איך דאָך אייך נישט וואָס מוחל צו זיין, אָבער דעם „סתם־יוד" וואָס איהר האָט בעליידיגט, דער „יוד" איז אייך נישט „מוחל"...

דער נגיד האָט שטאַרק חרטה געחאַט אויף זיין פעהלער, ער האָט עטליכע מאָל געבעטען מחילה, אָבער דער „יוד" האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע: איהר האָט גלאַט בעליידיגט אַ „יוד", דער „יוד" איז אַצינד נישטאָ — טאָ ווער זאָל אייך מוחל זיין?...

דער גביר האָט פון די מעשה אָן, קיין שום יוד נישט אָבגעזאָגט קיין נדבה; יעדען יוד וואָס ער פלעגט טרעפען נאָך א נדבה געהן, פלעגט ער געבען אַ נדבה, און בעטען מחילה.

מ'זאָגט נאָך: אַז פאַר זיין טויט, האָט ער אָנגעזאָגט די זיהן זיינע, זיי זאָלען זיך אויך אַזוי פיהרען: יעדען אָרימאַן געבען אַ נדבה און יעדען אָרימאַן איבערבעטען...

אויף די מעשה האָט דער קאָצקער ז"ל, געזאָגט: דאָס איז אַ לימוד, אַז אין יעדען יוד איז דאָ צוויי „יודען": איינער אַ פראָסטער, דער גשמי, דער זולל־וסובא, דער פראָסטער אַרבייטער יוד; און ס'איז דאָ נאָך אַ יוד, אַ רוחני „יוד", דער צלם אלקים „יוד", די נקודה היהודית, דאָס פינטעלע יוד, דאָס וואָס ווערט אָנגעצונדען בשעת מ'רעד פון תורה; דאָס יודעלע זעהט מען נישט; דאָס ערשטע „יודעלע", געהט אין גאַס, האַנדילט, נאַרט אָב, פאָהרט נאָך געשעפטען, גיט אַ נדבה, אַלץ דאָס ערשטע „יודעלע".

דאָס צווייטע „יודעלע", זיצט אין „קדשי הקדשים" און לערנט, ווען עס דערשפירט פון אויסענווענינ אַ סביבה פון זיינע מענשען, געהט עס אַרויס, און ס'בעוויזט זיך דאָס צווייטע יודעלע, ס'ווערט ליכטיג אין שטוב, דער „אור אין סוף" בעווייזט זיך... די „שכינת בדמות איש"; דאָס מיינט דער פסוק: „ויברא אלקים את האדם בצלמו — בצלם אלקים", צום ערשט איז „בצלמו," דערנאָך איז „בצלם אלקים", דאָס איז דער אמת'ער „יוד"!

## ה.

## פאַרוואָס טרונקט מען בראָנפען?

איי קאָצק! נישטאָ יענע צייטען, אַמאָל: „כי טוב לבו בתורה", האָט מען גענומען אַ ביסעל בראָנפען, אָבער היינט?

איך געדענק: בשעת אין קאָצק זענען געווען „קאָצקער-חסידים", האָט מען געוואוסט אַז מען לעבט: אַ קוואָרט בראָנפען האָט געקאָסט 4 פּייעם (24 גראָשע) אַ קאַטשקע — אַ גילדין; און ווער שמועסט אַנ־דערע עסענוואַרג — בחצי חנם, האָט מען זיך געקענט פאַרגינען אויס־טרונקען אַ קוואַטירעל בראָנפען פאַר אַ זעקסער, מיט אַ פערטעל קאַטשקע פאַר אַכט גראָשען, און דערנאָך זיצען און לערנען אַ גאַנצע נאַכט, אָבער היינט?

איך וויל אייך דערצעהלען פון אַ מלוה־מלכּא: מיר זענען גע־ווען אין קאָצק, אויף אַ „סטאַנציע" אַ מאַן 10, מילא שבת איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדען, געגעסען געטרונקען; נאָר צו די מלוה־מלכּא, האָבען מיר פאַרבעטען שמואל וואָרקער, און ער האָט געהייסען מאַכען די מלוה־מלכּא אויף זיין קאָסט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען: „כּסעודת שלמה בשעתו", מ'האָט בעהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, ווייַן מיט מעד האָבען זיך געגאָסען ווי וואַסער, און שמואל אַליין האָט אונז נאָך געזאָגט תורה גאַנצע פּעק, אויף דעם איז ער געווען גאָר אַ בריה.

צווישען די אַלע תורות וואָס שמואל האָט נאָך נעזאָגט, געדענק איך נאָך צו דערצעהלען אַ גוט וואָרט; ער האָט עס נאָך געזאָגט פון קאָצקער זצ"ל: אַמאָל האָט זיך דער רבי געפרעגט: פאַרוואָס טרונקט מען בראָנפען ביי אַלע דבר־מצוות?

האָט איינער געענטפערט: ווייל מען מאַכט אויף בראָנפען: „שהכל נהיה בדברו". (אַלץ איז פון גאָט בעשאַפען — דורך זיינע רייד).

האָט דער רבי זצ"ל, צוריק געפרעגט: קען מען דאָך טרונקען פראָסטע וואַסער?

נאָר, האָט דער רבי זצ"ל גוט געזאָגט אויף די קשיה: אַז מ'געדענקט טאַקי אַז אַלץ איז פון השי"ת, איז מען ווערט אַ טרונק בראָנפען!...

נו ווי געפעלט אייך דאָס וואָרט?

איך האָב דערפון געלעקט די פינגער. יאָ, כ'האָב דאָך אייך גע־וואָלט דערצעהלען דעם סוף פון די מלוה־מלכא: בשעת מיר האָבען זיך אַזוי גוט משמח געווען: געזונגען, געטאַנצט, קומען אָן צו פאָהרען אַ פוהר מיט חסידים, און זיי הייבען אָן קלאַפען אין די לאָדענס.

בשעת חדוה האָבען מיר גאָר נישט געהערט, פאַרטאַנצט. נאָר אַז זיי האָבען גוט אָנגעהויבען קלאַפען, איז דער בעל אכסניא אַרויס־געלאָפען, געעפענט דעם טויער, און אַריינגעבראַכט אַ פרישע חברה חסידים, וואָס זענען אַ צונד אָנגעקומען קיין קאָצק. זיי האָבען פאַר־שפעטיגט אַריינצוקומען פאַר שבת, זיי זענען געגאַנגען צופיס, האָבען זיי שבתצונאַכט'ס געדונגען אַ פוהר, און אַריינגעקומען קיין קאָצק. מיר האָבען זיי מקבל געווען בסבר פנים יפות.

די שמחה, מיט די פרייד איז אין לספר, מ'האָט זיך אַ צינד רעכט גענומען פרעהען; חברה האָבען זיך מיט־געוואַשען, און שמואל וואָרקער האָט פריש געשיקט נאָך משקה. ס'איז געוואָרען לעבעדיג.

צווישען די חברה האָט זיך געפונען איינער ישראל סטריקעווער, איהר האָט אוודאי געהערט פון איהם, דאַמאָלסט איז ער נאָך געווען

אַ יונגערמאַן געזעסען יומם ולילה געלערנט; די חסידים האָבען איהם געריפען: דער טרוקענער „מתנגד".

ער פלעגט קנאַפּ קוקען אויף זיי, אַפילו אַציגד, ווען ער איז נאָר אַריינגעקומען צו אונז אין די אַכסניא אַריין, זיצט ער שוין אין אַ ווינקעלע און לערנט.

חברה האָבען איהם געקנס'ט: ער זאָל אָבלערנען גאַנץ „יבמות" מיט תוספות ביז מאָרגען פאַרנאַכט.

ער האָט זיך נישט דערשראָקען, נאָר שטיל געענטפערט: כ'בין בלי נדר, מקבל אויף זיך דעם פסק.

און וואָס מיינט איהר, ער איז נישט געגאַנגען שלאָפען, נאָר בסדר בלי הפסק, געזעסען און געלערנט; און זונטאָג אויף דער נאַכט האָבען מיר געמאַכט אַ סיום אויף „יבמות".

אָבער אַ סיום מיט'ן קנאַק, שמואל וואָרקער איז אַ מישנע גע־קומען אויפ'ן סיום, און ישראל'ן אויסגעפרעגט די גאַנצע מסכתא אויף אויסעווייניג; איי איז דאָס געווען אַ סיום–שמחת־תורה! אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהוליעט, חברה האָבען געזונגען און געטאַנצט, די שמחה איז געווען אין־לשער, ישראל האָט ווייטער געוואָלט גיין לערנען, מיר האָבען איהם נישט געלאָזט, ער האָט מיט אונז געמוזט מיט טאַנצען, און מיר האָבען איהם משמח געווען – ווי אַ חתן.

שמואל וואָרקער האָט פאַרטאָג געזאָגט: אַלץ האָבען מיר צו פאַרדאַנקען זיין מלוה־מלכא, נישט וואָהר?

ה.

# א שאלה אויפ'ן פלייש.

באַסקע זשעלינער האָט מיר דערצעהלט פון ר' ברוך סטיטשינער: פאַרוואָס איז ר' ברוך געפאָהרען קיין נעשכיז?

די מעשה איז אַזוי געווען: איינמאָל איז ר' ברוך געווען אויף אַ ברית אין קאָצק, דער ברית איז געווען ביי אַ היימישען חסיד, אויפ'ן ברית האָט מען שטאַרק געהוליעט, דערווייל האָט איינער פאָרגעשלאָגען, אַז יעדער זאָל נאָכזאָגען אַ „תורה", אויב נישט, זאָל ער צאָהלען קנס.

דער עולם האָט אָנגעהויבען נאָכזאָגען „תורות", איינע בעסער פאַר די צווייטע. ביז ס'איז צוגעקומען צו אַ נעשכיזער חסיד, האָט ער געזאָגט: איך ווייס נישט קיין שום „תורה" פון מיין רבי'ן, נאָר איך ווייס נישט מעהר, אַז דער רבי האָט צוגעזאָגט: אַז „ווער עס וועט פאָהרען צו איהם, וועט ניצול ווערען פון עסען טריפות".

די חסידים האָבען עס אָנגענומען פאַר אַ תורה. דערווייל האָבען די רעשט חסידים נאָכגעזאָגט „תורות", ביז מ'האָט אָנגעהויבען אַריינגעבען עסען.

אַז מ'האָט דעם נעשכיזער חסיד דערלאַנגט עסען, האָט ער גענומען דעם לעפעל צום מויל, איז איהם נישט גוט געוואָרען, מ'האָט איהם געמוזט אַפּערנעמען פון טיש. מ'האָט איהם געמונטערט, געגאָסען וואַסער, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט; ס'איז איהם געוואָרען בעסער און ער האָט שוין נישט געגעסען דאָס עסען.

דער עולם האָט זיך צוריקגעזעצט עסען. אַזוי ווי זיי האָבען אָבגעגעסען דאָס פלייש, איז אַריינגעלאָפען דער קצב און געזאָגט: ס'איז דאָ אַ שאלה אויפ'ן פלייש"...

ווי ר' ברוך סטיטשינער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט:

איך זעה, אַז ס'איז אמת ווי דער נעזשכיזער חסיד האָט דאָ דער־צעהלט...

ר' ברוך איז פון דעמאָלסט אָן געפאָהרען קיין נעשכיז.

חסידים וואָס זענען דערנאָך געפאָהרען צו ר' ברוכ'ן, זאָגען נאָך, אַז ר' ברוך האָט זיך געריהמט: „צייט ער האָט אָנגעהויבען פאָהרען קיין נעזשכיז, האָט זיך איהם נישט געטראָפען, אַז מ'זאָל גע־פונען אַ שאלה אויפ'ן עסען, ווען מ'זאָל שוין האָבען אויפגעגעסען"...

ר' ברוך האָט שטאַרק געליבט דעם נישכיזער: אַ איש אמת געוועזען — אַ גרויסער צדיק!

## ז.

# רבי עקיבא.

שבת בייטאָג, ביים רבי'ן זענען געווען אַ פּאָר היימישע חסידים, רופט זיך אָן דער רבי: איהר האָט געלערענט פּרק? זאָגט דאָרט רבי עקיבא אַ גאַנצע מעשה: „הכל נתון בערבון", אַלץ האָט גאָט געגעבען אויף אַ משכון; „ומצודה פרוסה על כל החיים"—אַ נעץ אין פערשפּרייט פאַר אַלע לעבעדיגע; „החנות פתוחה"—דאָס געוועלב איז אָפען; „והחנוני מקיף"—דער קרעמער באָרגט; „והפנקס פתוח"—דאָס בוך איז אָפען; „והיד כותבת"—די האַנד שרייבט; „וכל הרוצה ללות יבא וילוה"—און ווער עס וויל באָרגען, זאָל קומען באָרגען; „והגבאים מחזירין תדיר"—די אינקאַסענטען געהען אַרום איינמאָנען; „בכל יום"—אַלע טאָג; ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו"—זיי נעמען אָב פון מענש, סיי ער ווייסט, און סיי ער ווייסט נישט; „ויש להם על מה שיסמוכו"—זיי האָבען זיך אויף וואָס צו פערלאָזען; „והדין דין אמת"—דער דין איז אַ אמת'ער דין; „והכל מתוקן לסעודה"—און אַלץ איז אָנגעגרייט צו דער סעודה!

איהר פערשטעהט דעם גאַנצען משל?

עפּעס רעכענט דאָ רבי עקיבא אויס אַ גאַנץ געוועלב: וואָס מ'גיט אויף באָרג, מ'האָט אַ נעץ אויף צו כאַפּען; ס'איז דאָ אַ בוך די האַנד שרייבט, מ'באָרגט, מ'נעמט אָב, איהר זענט קראַנט, מ'איז גרעכט. און אַלע וועלען קריגען אַ סעודה!... מילא דעם פּשט בין איך אייך מוחל, אַלע יונגלעך געדענקען איהם נאָך פון חדר, אָבער וואָס וויל דאָ רבי עקיבא מיט זיין געוועלב?

וואָס מיינט ער מיט זיין נעץ, און דאָס סטראַשען: ביזט קראַנט און מ'איז גרעכט?

ממה נפשך—גיסטו—וואָס סטראַשעסטו—וועסט אָבנעמען? גיב נישט —און וויל נישט צוריק. און וואָס עפּעס אַ נעץ? דאָס איז נישט שעהן, אַ „נעץ" צו כאַפּען, ווי פּאַסט עס? איך האָב שוין אויף דעם גע־קלערט, רב עקיבא'ן איז שווער צו פערשטעהן. רבי עקיבא האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ גאַנצען פּלאָנטער...

דער רבי האָט אויף דעם פּרק אַ סך געזאָגט, נאָר אויף די משנה, האָט ער גאָר גוט געזאָגט.

די היימישע האָבען שוין געוואוסט, אַז נאָך אַזאַ קשיא מוז קומען אַ גוטער תירוץ. דער רבי האָט געזאָגט אַ משל, דער משל איז צו גרויס, איך וועל איבערגעבען דעם פּשט אויף רבי עקיבא'ן, וואָס דער רבי ז"ל האָט געזאָגט: רבי עקיבא, איז אַמאָל געווען אַ גזלן; אַ גזלן—ווייסט פון „משכנות" דערום זאָגט ער „בערבון"—באָרגט מען, האָסט נישט—באָרגט מען דיר אויף אַ משכן—וועסט אָבגעבען, „ומצודה פּרוסה"—איז אויך דאָס זעלבע, ער איז שטענדיג געווען גרייט צו ווערען אַריינגעכאַפּט אין אַ „מצודה". דערום זאָגט ער אַז די וועלט איז אַ „נעץ"—יעדען מענש וויל מען כאַפּען... און ווייטער דאָס גאַנצע געהעלב וואָס רבי עקיבא רעכענט אויס—איז גאַנץ פּשוט: גאָט פיהרט זיך לויט רבי עקיבא'ס געדאַנק, ווי אַ סוחר: נאַ דיר סחורה, וויפיל דו ווילסט, שרייב זיך אונטער, כ'וועל אָבנעמען, נישקשה ביזט קראַנט,

ס'איז דאָ שליחות וואָס געהן אַרום: מ'קומט נאָך אַ נדבה, ראַטעווען אַ יוד, העלפען אַ נויטבעדערפטיגען מענש, אַלץ איז אַ שליח, אָבצוגעבען דאָס־וואָס דו האָסט געבאָרגט!

און דאָס וואָס מ'נעמט אָב—אָהן דעם מענשענס וויסען: איז אַ גנבה, אַ גזילה? ווילסט נישט אַליין אָבגעבען? קומט ביינאַכט אַ גנב, ער איז אויך אַ יוד, ביזטו איהם אויך שולדיג, ער דאַרף אויך באַרגען, און ער וועט אויך בעצאָהלען: אָדער אויף די וועלט אין טורמע, אַז נישט איז אויף יענער וועלט אין גיהנם. און דער דין איז טאַקי אַ גערעכטער: האָסט געבאָרגט, דיר איז גוט, ביזט אַ נגיד, לעבסט אַ גוטען טאָג?

—האָסט אַלצדינג? געדענק אַז דו ביזט שולדיג. פערגעס נישט, אַז מ'האָט דיר געבאָרגט, אויף אויסצאָלעכץ!... ביזטו אַנ'אָרענטליכער מענש, האָסט בעצאָלט, געגעבען צדקה, נעהאָלפען ווער ס'האָט ביי דיר געבעטען, וועסטו קריגען אַ פיינע סעודה. אַפילו די אָנזעצער'ס וועלען אויך קריגען, אויב זיי וועלען שפעטער בעצאָלען. נישקשה, גאָט שענקט נישט. פאַר גאָט אַנטלויפט מען נישט. אַז נישט דאָ—איז דאָרט! זיינע שליחות זענען אומעטום! נו איז רב עקיבא נישט געווען קיין גוטער סוחר?

## ח.

# נאָך הבדלה.

אין דרויסען שיינט די לבנה מיט'ן גאַנצען גלאַנץ; דער שניי שווישטשעט, עס פישטשעט אונטער די פיס, ס'איז אַ מחיה צו געהן. דער מענש פילט זיך קרעפטיג, פריש געזונד. אין אַזאַ שבת־צונאַכט'ס האָט דער רבי געהייסען שפאַנען אַ שליטען און מיר זענען אַרויסגעפאָהרען שפאַצירען.

געפּאָהרען זענען בלויז היימישע, דער רבי האָט מיטגענומען זיין ליולקע, ער האָט געהייסען מיטנעמען אַ חלה מיט בראָנפען אויף מלוה־מלכה.

אַרויסגעפאָהרען זענען מיר אַרום צעהנע, די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, דאָס פעלד איז געווען ווייס, אַרום און אַרום איז געווען ליכטיג פראָסטיג. אונטער די שטאָדט האָט מען דערשפּירט דעם פראָסט, אַ פראָסטיג ווינטעל נישט זעהר קיין שטאַרקס האָט אונז אַרומגענומען. דער רבי האָט זיך פערקוקט אויף גאָט'ס וועלטעל און אָנגעהויבען אָבלויבען גאָט'ס וואונדער: איי ווי שעהן איז גאָט'ס וועלטעל, וואָס פאַר אַ שענער הימעל, מיט די ברילּיאַנטענע שטערענס, און די לבנה? די זילבערנע גרויסע לבנה!

מיר האָבען געפיהלט, אַז דער רבי וויל עפּיס זאָגען, נאָר ער וויל אונז צופיהרען צו אַן אָרט, וואו ס'איז מסוגל צו אַזעלכע זאַכען. געפּאָהרען זענען מיר נישט געשווינד, דער שליטען האָט זיך גע־גליטשט, דאָס פערד האָט דער פוהרמאַן נישט געיאָגט. אַזוי זענען מיר אָבגעפּאָהרען אַ שעה אַנדערהאַלבען.

דערווייל זענען מיר צוגעקומען צו אַ דאָרף, דאָס דאָרף איז שוין געשלאָפען, אומעטום זענען די לאָדענס געווען פערמאַכט, דער רבי האָט געהייסען דעם פוהרמאַן צופאָהרען צו אַ שטיבעל און גע־הייסען אָנקלאַפען.

מיר האָבען אָנגעקלאַפּט אַ פּאָר מאָל, האָט זיך פון אינעווייניג אָנגערופען אַ פערשלאָפען קול: קטאָ טאַם?

—עפענט,—האָבען מיר איהם געענטפערט.

דער יוד האָט באַלד געעפענט די הויז-טיהר און געפרעגט אונז: וואָס ווילט איהר?

מיר האָבען איהם געבעטען אונז לאָזען אַריינגעהן אין שטוב עסען מלוה־מלכה.

דער יוד האָט דערזעהן דעם רבי'ן, האָט ער איבערגעבעטען און

זיך פערענטפערט: אַז ער וואוינט אין איי, שטיבעל, מ׳זאָל איף איהם נישט האָבען קיין פעראיבעל, ס׳וועט זיין ענג און, ער האָט נישט קיין סך חלה.

מיר זענען אריין אין שטיבעל: אַ קליין נידריג שטיבעל מיט צוויי בעטען, אין איין בעט איז געלעגען אַ ילדות און אין אַנדערען זענען געלעגען עטליכע קינדערלעך, דער רבי האָט געהייסען גרייטן צום טיש און זיך געוואַשען, מיר האָבען אָנגעהויבען עסען „מלוה־מלכה״.

דער עולם האָט פערשטאַנען עס מוז עפּיס זיין, נאָר פרעגען האָט קיינער נישט געהאָט די העזה.

מ׳האָט געזונגען זמירות, דער רבי האָט געזאָגט תורה, און דער יוד פון שטיבעל איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און געוויינט.

מיר האָבען נישט בעמערקט, דער רבי האָט געהייסען רערלאַנ־גען „מים אחרונים״, מיר האָבען געבענטשט.

נאָכ׳ן בענטשען רופט דער רבי צו דעם בעל־הבית און פרעגט איהם: ווי הייסט דו?

—משה,—ענטפערט דער יוד.

—ווי אַלט ביזטו?—פרעגט דער רבי.

—36 יאָהר,—ענטפערט דער יוד.

—מיט וואָס האַנדעלסטו,—פרעגט דער רבי.

—מיט מילך,—ענטפערט דער יוד.

—האָסט פרנסה?—פרעגט דער רבי.

—יאָ,—ענטפערט דער יוד—נאָר...

—וואָס נאָר,—פרעגט דער רבי שטרענג.

—רבי,—שטאַמעלט דער יוד.—איך קען, איך וויל, איך קען נישט אַנדערש, איך מוז גיסען וואַסער...

—וואָס הייסט דו מוזט?

—ווייל כ׳האָב מיר שוין צוגעוואוינט, דאַכט מיר, אַז כ׳וועל נישט האָבען קיין פרנסה, אויב כ׳וועל נישט גיסען קיין וואַסער אין

די מילך.

—טאָ פרוב זשע, פון מאָרגען אָן זאָלסטו נישט אַריינגיסען קיין וואַסער אין די מילך.

—גוט רבי, איך וועל פּרובען.

מיר זענען אַהיים געפאָהרען, דער רבי האָט מיט אונז קיין וואָרט נישט גערעדט. אַרום דאָנערשטאָג קומט דער יוד צום רבי׳ן און הייבט אָן וויינען: רבי, וואָס זאָל איך טוען די קונים מיינע ווילען נישט די מילך, זיי שרייען, אַז די מילך מיינע איז קאַליע געוואָרען, די פריערדיגע, זאָגען זיי, איז געוועזען בעסער...

—און דו האָסט נישט אַריינגעגאָסען קיין וואַסער?

—רבי, כ׳זאָל אַזוי בשלום אַהיים קומען צו מיין ווייב און מיי־נע קינדער, ווי איך זאָג אייך נישט קיין ליגענד, קיין טראָפּען אַפילו נישט.

—טאָ זאָלסטו ווייטער גיסען!... נאָר זאָלסט זיי זאָגען: אַז די מילך איז דיזעלבע, ווי די וואָס דו האָסט זיי פריער געגעבען, ס׳איז פערפאַלען, דער „שקר״ האָט גובר געווען!...

## ט.

## שמירה־מעהל.

דער קאָצקער ז״ל, פלעגט אַלע יאָהר אַליין אָראָבנעמען שמירה. ער פלעגט זיין: ביים שניידען, ביים דרעשען, ביים טרוקענען, ביים מאָהלען, אומעטום. די אַרבייט איז געווען אַ גוואַלדיגע אַרבייט.

אַלע יונגעלייט פלעגען מיטגעהן אויפ׳ן פעלד, העלפען שניידען, טראָגען, דאָס מעהל איז אָנגעקומען מיט „שוויס״.

פאַר פסח האָט דער רבי געהאַט דאָס מעהל ביי זיך אין שטוב, וואו ער האָט געלערענט.

ביינאַכט פלעגט דער רבי זיצען און לערנען, און היטען דאָס מעהל, איינמאָל פאַר פסח, שפעט ביינאַכט, איז אָנגעקומען אַ פרעמדער יוד, אַנ׳אָרימאַן, ער האָט נישט געוואוסט וואו צו געהן שלאָפען, אומעטום איז געווען פינסטער, דער יוד האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער די שטאָדט אַ פאָר שעה, אין דרויסען איז געווען גוט קאַלט, דער יוד האָט געזוכט אַ שטוב וואו אָנצעוואַרמען זיך.

זעהט ער ווי ס׳לייכט זיך דורך אַ לאָדען, איז ער צוגעגאַנגען, אָנגעקלאַפט. דער רבי איז באַלד אַרויסגעגאַנגען עפענען און אַריינגע־נומען דעם יוד מיט׳ן זאַק. דער יוד האָט נישט געוואוסט צו וועמען ער איז אַריינגעקומען, דער רבי האָט איהם געגעבען שלום. איהם געפרעגט ווער ער איז, פון וואַנען ער איז, דעם יוד איז נישט איינ-געפאַלען, אַז דאָס איז דער רבי. דער רבי האָט געזעהן, אַז דעם יוד איז קאַלט, האָט דער רבי געמאַכט פייער, און געפרעגט ביים יוד צי ער וויל עסען.

דער יוד איז געווען זעהר הונגעריג, ער האָט אַ גאַנצען טאָג כמעט ווי נישט געגעסען.

דער יוד האָט זיך מתנצל געווען, אַז ער איז טויט הונגעריג. דער רבי איז אַריין אין קיך זוכען עפּיס עסען, און האָט גאָרנישט גע-פונען. דער רבי האָט קיינעם נישט געוואָלט אויפוועקען, און דאָ איז נישטאָ אַ פיצעל ברויט אין שטוב, איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק:

—אפשר וועט איהר עסען קליצקעלעך?

—אדרבא,—בעט זיך דער יוד—אָבער וואו וועט איהר זיי אַצינד קריגען?

—ס׳וועט שוין זיין, איז איהם מבטיח דער רבי.

דער רבי האָט דעם יוד געהייסען זיך אָנוואַרעמען, אליין גע־נומען אַ לאָקשען-ברעט, אַרויסגענומען „שמירה מעהל״, פערקנייטען אַ שפּאָר ביסעל קליצקעלעך, דער יוד האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מעהל דאָס איז. דער רבי האָט פערקנייטען, אויסגעוועלגערט און

אָבגעקאָכט. דערלאַנגט דעם יוד אַ גרויסע שיסעל קליצקעלעך מיט אַ ביסעל שמאַלץ פערשמאָלצען. דער יוד האָט זיך מחיה געווען. דער יוד האָט אָבגעגעסען, האָט איהם דער רבי אויסגעבעט ביים אויוען, איהם געהייסען זיך לעגען און איהם צוגעדעקט מיט זיין פוטער. דערנאָך האָט דער רבי אויסגעטהון זיינע שטיועל, ער זאָל דעם יוד נישט אויפוועקען פון שלאָף, און זיך ווייטער געזעצט לערנען. דער יוד איז איינגעשלאָפען געוואָרען גאַנץ געשמאַק, נאָך אַזאַ סעודה, אין אַ וואַרעם געלעגער.

דער רבי האָט זיך שוין נישט געלעגט, ער האָט זיך געפרעהט מיט די מצוה, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט, די מצוה פון הכנסת אורחים. אַזאַ מצוה–וואָס קען זיך איהם טרעפען אמאָל אין אַ יובל.

אַלע מאָל איז דער רבי צוגעגאַנגען צום יוד, גוט צוגעדעקט, עפּיס צוגעלעגט צו די פיס, אַזוי איז דער יוד אָבגעשלאָפען ביז אַ שטיק אויפ'ן טאָג.

אין דער פריה אַז דער יוד האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז גע־שטאַנען נעבען איהם נעגעל-וואַסער, ער האָט זיך געוואַשען, אָנגע-הויבען זאָגען ברכות התורה.

דער רבי האָט שוין געלערענט זיין שיעור.

דער משמש האָט נישט געוואוסט פון די גאַנצע מעשה. דער יוד האָט געוואָלט אַרויסגעהן, געהט ער צו צו די טהיר,' הערט ער ווי די רביצין שרייט: ווער איז דער יוד, וואָס שלאָפט אַזוי לאַנג? אין מיט'ן דער נאַכט איז געקומען עפּיס אַ פרעמדער יוד, און ער האָט זיך מיט איהם אַ גאַנצע נאַכט געפּאָרעט. דער יוד איז געבלי־בען שטעהן, ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טוען, ער האָט גענו־מען זיין זאַק אויף די פּלייצעס און אַרויסגעגאַנגען. אויפ'ן הויף טרעפט ער אַ יונגעל, פרעגט ער איהם: וואו איז דעם רבינ'ס בית המדרש?

–דאַ, ווייזט איהם דאָס יונגעל.

דער יוד איז אַריין אין בית המדרש, און זיך געבומען פרע־נען וואו וואוינט דער רבי, די חסידים האָבען איהם געוויזען אויף די שטוב, פון וואַנען ער איז אַרויס.

ער איז געבליבען שטעהן פערגאַפט.

דאָ אין שטוב, זאָגט דער יוד, האָב איך גענעכטיגט. אַלע קוקען איהם אָן, און פרעגען איהם פון וואַנען ער איז, און ווען איז ער געקומען אַהער? ווער האָט איהם אַריינגעלאָזט?

דער יוד האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה: ער איז געקו־מען שפעט ביינאַכט, ער האָט נישט געהאַט וואו צו נעכטיגען, האָט ער געזעהן, אַז דאָ לייכט זיך, האָט ער אָנגעקלאַפט, און אַ הויכער יוד מיט פאות האָט איהם אַריינגעלאָזט, און האָט איהם געגעבען צו עסען קליצקעלעך. אין בית המדרש איז געוואָרען אַ קאָך: דאָס האָט דאָך דער רבי אַליין איהם געקאָכט קליצקעלעך. ווי פאַלט איהר אויס צו קלאַפען ביים רבי'ן? דער יוד איז געבליבען שטעהן בלאַס, און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. דער משמש איז אַריין צום רבי'ן, און בעקוקט די „שמירה". ער האָט דערזעהן די „חתונה". ער איז באַלד אַריין אין בית המדרש, און דערצעהלט פאַר אַלע חסידים, וואָס פאַראַ קליצקעלעך דער יוד האָט די נאַכט געגעסען.

דער יוד איז דערשראָקען געוואָרען, ער איז אַריין צום רבי'ן איבערבעטען, דער רבי האָט זיך אויסגעלאַכט: ס'מאַכט נישט אויס, ווען וואָלט איך מקיים געוועז די מצוה פון הכנסת אורחים?

דער יוד האָט די מעשה אַליין דערצעהלט און צוגעגעבען: אַז דער רבי האָט דעם פסח קוים געהאַט אויסצוקומען מיט די שמירה.

איי איז דאָס געווען קליצקעלעך־סמאַקעוועט דער יוד!

# „ידיעה ובחירה."

ג אראָנים, וואָס שווייגט איהר? וואו איז פאָרט די בחירה? עס שטעהט דאָך: „ובחרת בחיים", כסתם קען מען זיך דעם „מות" אויך אויסקלייבען, טאָ פון וואַנען זשע וויים איך: וואָס איז געוועזן די ידיעה: צי „חיים", צי „מות"?

וואָרוםביידע זענען דאָך גאָט'ס דרכים; ביידע זענען דאָך וועגען ווי מ'הייסט געהן, טאָ וואָס זשע פאַר אַ בחירה קען דאָ זיין, ווען מ'צייכענט דיר אָן, אַז דאָ און דאָ זאָלסטו מאָרגען זיין צעהן אַ זייגער אין דער פריה? דו מוזט דאָך טוען גאָט'ס שליחות, און אַז דו ביזט אַ שליח ביזטו דאָך נישט מחויב צו ליידען פאַר דיין שליחות?..

אַזוי האָט גע'טענה'ט אַנ'אפיקורס צו אַ קאָצקער חסיד.

—שוטה וואָס דו ביזט, ענטפערט איהם דער קאָצקער חסיד. דו נאַרסט זיך אין פשט: „ובחרת בחיים" מיינט מען: געה גלייך! פערקרום נישט דעם גלייכען וועג: אַז דו קענסט געהן אויפ'ן טראָטואַר, נאָך וואָס געהסטו אויף די שטיינער?

—גרעכט. אָבער, וועל איך אייך פרעגען, וואו איז פאָרט די בחירה?

—ווילסט וויסען? זעץ זיך, וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה פון קאָצק, וועט דיר פערענטפערט ווערען אַלע קשיות.

צום קאָצקער ז"ל, איז אַמאָל געקומען אַ מתנגד, אַ חוקר, און געוואָלט שטעלען אַזעלכע שאלות. (מסתם האָט דער רבי אויך גע־וואוסט פון די קשיות...) רופט זיך אָן דער רבי, ווי דער מתנגד איז נאָר אַריינגעקומען: ווילסט וויסען דעם חילוק פון ידיעה ובחירה? קום, וועל איך דיר זאָגען.

האָסט געלערנט חומש? געדענקסט ס'שטעהט „זאת חוקת התורה".

ביי די פּרה אדומה, נו, פרעגען אַלע, מעהר קיין חוקים זענען דען נישטאָ?

„איז דער תירוץ: לערען דיר פון די „פרה אדומה", אַז אַ בהמה וואָס האָט 2 שוואַרצע האָר, איז זי שוין פּסול. נו קען מען געהן זו־כען ביי אַ בהמה 2 שוואַרצע האָר? נאָר וואָס דען—ס'איז אַ חוקה, גאָט וויל אַזוי, און פרעג קיין קשיות.

אַצינד, פיהרט אויס דער רבי, וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה: אַמאָל האָט געוואוינט אין אַ דאָרף אַן אַרענדאַר, אַ פּראָסטער יוד, געהאַט האָט ער צוויי קינדער: אַ זוהן מיט אַ טאָכטער. דער זוהן איז געווען אַ גראָטען קינד, האָט חשק געהאַט צום לערנען, האָט איהם דער פאָטער צוגעבראַכט אַ מלמד, דאָס קינד האָט זיך גוט געלערנט, ער איז געוואַקסען אַ למדן. דער פאָטער האָט איהם אַוועק־געפיהרט צו אַ רב, ער זאָל איהם אויסלערנען זיין אַ רב. ס'איז אַוועק אַ צייט, דער פאָטער פלעגט אַלע מאָל קומען צום רב, ברענגען מתנות, געוואָר ווערען וואָס דער זוהן מאַכט. דער רב האָט דעם בחור זעהר ליב געהאַט, אַ גרויסער מתמיד געווען; איינמאָל קומט דער פאָטער צום רב פרעגען וואָס זיין זוהן מאַכט, ענטפערט איהם דער רב: געה אַריבער צו אַ סטאָליאַר און דינג אָן דיין זוהן פאַר אַ סטאָליאַר, ער וועט נישט זיין קיין רב.

דער פאָטער איז געבליבען שטעהן דערשראָקען; היתכן, פרעגט דער פאָטער: פריער האָט איהר אַליין געזאָגט, אַז מיין זוהן וועט זיין אַ רב, און אַצינד זאָגט איהר: אַז מיין זוהן זאָל מען מאַכען פאַר אַ בעל מלאכה, פאַר אַ סטאָליאַר? דער פאָטער האָט זיך נישט געקענט שענקען, און פאַלט אָן אויפ'ן רב: איהר זענט רבי אַ שווינד־לער! איהר ווילט מיין קינד מאַכען פאַר אַ סטאָליאַר. איהר אַליין האָט מיר נישט איינמאָל זעזאָגט, אַז מיין קינד וואַקסט אַ גדול בישראל! איהר האָט מורא טאָמער וועט ער אייער אָרט צונעמען? האָט נישט קיין מורא, איך וועל איהם קויפען אַ שטאָדט

דער רב זעהענדיג, ווי דעם פּאָטער געהט עס בנפשו, זאָגט ער צו איהם: קום אַהער, איך וועל אַריינרופען דיין זוהן, וועסטו אַליין זעהן, וואָס ער וויל בעסער זיין: אַ סטאָליאַר צי אַ רב? דער רב האָט אַריינגעשיקט דעם בית־דין שמש אין בית המדרש אַריין, געהייסען רופען דעם דאָרפישען בחור. ווען דער בחור איז אַריינגעקומען רופט זיך אָן דער רב:

—משה, וואָס ווילסטו בעסער זיין, אַ רב צי אַ סטאָליאַר?

—רבי, איך וויל בעסער זיין אַ סטאָליאַר.

צומישט איז דער פּאָטער געוואָרען, טרעהרען האָבען זיך איהם בעשטעלט, רעדען האָט ער שוין נישט געקענט.

אַצינד, רופט זיך אָן דער רב, וואָס וועסטו זאָגען?—און הייסט דעם בחור צוריק אַריינגעהן אין בית־המדרש.

דער פּאָטער האָט געשוויגען.

איך וועל דיר זאָגען, רופט זיך אָן דער רב, פאַרוואָס דיין זוהן וויל בעסער זיין אַ סטאָליאַר ווי אַ רב: בשעת ער איז בעשאַפען געוואָרען, האָט דער מלאך וואָס איז ממונה איבער די נשמות, אַראָבגעבראַכט צוויי נשמות אויף די וועלט: איינעם אַ רב, דעם צווייטען אַ סטאָליאַר, דער מלאך האָט געוואָלטביידע מאַכען פאַר רבנים, וואָס האָט ער געטהון? האָט ער ביידע שטאַרק צוזאַמענגעקוועטשט, אַז זיי זאָלען זיך „זאַראַזשען״ איינער אין צווייטען: וועט איינער זיין אַ סטאָליאַר און קענען זיין אַ רב, און דער צווייטער וועט זיין אַ רב, און קענען זיין אַ סטאָליאַר... אַצינד פיהרט אויס דער קאָצקער ז״ל: ווייסטו שוין וואָס איז ידיעה און וואָס איז בחירה?

„ידיעה״ איז אַ סטאָליאַר, און „בחירה״ איז אַ רב!...

# א

## „גנבים" ביים באַרג סיני.

דער בעריהמטער אַדוואָקאַט פרידבערג פון גראָדנע, אַ זוהן פון בע־וואוסטען קאָצקער חסיד ר' יענקעלע, האָט דערצעהלט די מעשה פון קאָצק וואו ער אַליין איז דאָרט געווען יונגעלווייז:

ביים רבי'ן אין בית המדרש פלעגט זיך שטענדיג געפינען יונ־געלייט, וועלכע פלעגען זיצען און לערנען, פילפולען זיך, שפּאַרען זיך, דער רבי פלעגט אַלע מאָל אַריינקומען אין בית המדרש הערען, וועגען וואָס מ'שפּאַרט זיך.

טיילמאָל פלעגט דער רבי מפורש זיין אַ שווערען תוספות, אָדער זאָגען אַנ'אויפטו, צי גלאַט אַ חידוש. די יונגעלייט פלעגען שווייגען, שלינגען יעדעס וואָרט, און דערנאָך עס איבערגעבען—פאַר אַלע לומדים.

איינמאָל אין מיט'ן טאָג, איז אין בית המדרש געווען דער חדושי־הרי"ם, מיט ר' משה מיכל ביאַלער ז"ל, און געשפּאַרט זיך אין אַ תוספות. זיי האָבען זיך שטאַרק געאַמפּערט, אַ סך יונגעלייט זענען געווען דערביי.

אין דעם לויפט אריין דער רבי, לויפט צו צו די חברה און גיט א געשריי: לויט ווי דער ווילנער גאון איז מגיה, פאלט אוועק דאס שווערקייט פון דעם תוספות.

און לויפט צוריק אריין צו זיך אין שטיבעל.

די יונגעלייט האבען גענומען זוכען א גמרא מיט'ן הגרא"ס הגהות, דערווייל לויפט נאך אמאל אריין דער רבי, לויפט צו צו די חברה און זאגט: לויט ווי דער ווילנער-„גנב" איז מפורש, איז דער תוספות זעהר גוט פארענטפערט.

און לויפט אוועק איבער'ן בית המדרש. די יונגעלייט האבען דעם רבי'ן נאכגעקוקט, זיי זענען געבליבען שטעהן מבולבל: „מאדנע-דבורים"...

דערווייל איז דער רבי נאך אמאל צוגעקומען צו זיי, און זאגט: איהר, זעה איך, וואונדערט זיך וואס איך האב אנגערופען דעם „וויל-נער"—גנב?

וועל איך אייך מפורש זיין: בשעת מתן תורה, האט מען משה רבינו'ן מגלה געווען כל הרזין-דאורייתא, ביז צום לעצטען פירוש, וואס מ'וועט מחדש זיין אויף די תורה...

האבען זיך דאן געפונען נשמה'לעך, וואס האבען זיך אונטערגעגנב'ט, אונטער משה רבינו'ס פלייצעס, און אויסגעהערט אלע רזין דרזין!...

צווישען די „גנבים'לעך" איז געווען דער „ווילנער גאון", און ער האט עס טאקי ביי זיך אין הגר"א גוט פארענטפערט...

דאס איז א „גנב!"

מ'האט דעם אדוואקאט געפרעגט: פאר וואס זענט איהר היינט נישט קיין חסיד?

האט ער געענטפערט: „גיט מיר א „קאצקער רבי'ן" וועל איך זיין א חסיד!...

ב.

## וואָס וועט זיין משיח?

דער קאַצקער רבי האָט אַמאָל געשמועסט פון משיח'ן, אַלע חסידים האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

דער רבי האָט שטאַרק מחבב געווען די חבלי-המשיח: איי ווי גוט וועט עס זיין צו דערלעבען משיח'ן!

דער רבי האָט עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט די ווערטער. דער-נאָך פרעגט דער רבי:

—וואָס וועט זיין משיח?

די חסידים האָבען נישט פאַרשטאַנען די שאלה, און קיינער האָט נישט געענטפערט.

דער רבי האָט געטאָן אַ געשריי:

—חמורים! וואָס ווייסט עך נישט, וואָס איך פרעג:

—צי וועט משיח זיין אַ חסיד, צי אַ מתנגד?

די היימישע האָבען געשמייכעלט, קיינער האָט נישט געענטפערט.

—איך ווייסט—רופט זיך אָן דער רבי,—איך זאָג, אַז משיח וועט זיין אַ מתנגד!

די היימישע האָבען ווייטער געשמייכעלט.

דער רבי האָט נישט געקענט פארליידען דאָס שווייגען, גיט ער אַ געשריי:

-וואָס ווייסט עץ נישט? אַז משיח וועט זיין אַ חסיד, ווען איהם די מתנגדים געוויס פיינט האָבען!

זָבער-פיהרט אויס דער רבי מיט נצחון—אַז משיח וועט זיין אַ „מתנגד"—וועלען איהם אַפילו די חסידים אויך ליב האָבען!...

נו ווייסט איהר שוין: וואָס וועט זיין משיח?

## ג.

# וואָס פעהלט דיר דאָ?

דער בראָקער רב פלעגט פאָהרען קיין קאָצק אויף גאַנצע האַלבע יאָהרען: אויף אַ זומער צי אויף אַ ווינטער.

ביים רבי'ן פלעגט ער לערנען מיט'ן רבי'נס קינדער: מיט ר' בנימין'לען, אָדער מיט ר' משה'לען.

דער בראָקער רב איז געווען אַ גרויסער למדן, ער פלעגט מיט זיי לערנען די שווערסטע מסכתות, די האַרבסטע קשיות. דער קאָצקער רבי האָט פון איהם זעהר געהאַלטען.

איינמאָל איז דער בראָקער רב אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן שמועסען אין לערנען.

זיי האָבען דעמאָלסט געשמועסט וועגען די סוגיא פון: כל היוצא למלחמת בית דוד, גט כריתות כותב לאשתו". (ווער ס'געהט אַרויס צו מלחמת בית דוד, דאַרף שרייבען אַ גט דעם וייב)

דער בראָקער רב האָט שטאַרק געפרעגט אויף דעם תוספות, וואָס פאַלט אָן אויף רש"י'ן.

דער שמועס איז געווען זעהר אַ הייסער.

זיי האָבען זיך ביידע שטאַרק צוקאָכט אין לערנען. בשעת'ן רעדען האָט דער רבי אַרויפגעשטעלט איין פוס אויף די באַנק, און דאָס שטריימעל אָנגעטאָן אויף די קני.

דערווייל האָט דער רבי זיך שטאַרק צוקאָכט, און גערעדט צום שטריימעל, ער האָט פערגעסן מיט וועמען ער רעדט.

הינטער דער טהיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט גע־וואָלט אַהיימפאָהרען; ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגעהן געזעגענען זיך.

דער יונגערמאַן הערענדיג הינטער דער טהיר דעם רבי׳נס קול, ווי ער רעדט צו זיך אַליין (דער יונגערמאַן האָט דעם בראָקער רב ניט געזעהן) האָט ער געקריגען קוראַזש, זיך געשטאַרקט, און אַריין צום רבי׳ן, מיט גרויס אימה.

ער האָט שטיל זיך געשאַרט ביי דער וואַנד, די טהיר האָט געטאָן אַ קלאַפּ, האָט זיך דער רבי אומגעקוקט.

דערזעהט דער רבי דעם יונגעןמאַן, גיט ער אַ געשריי:

—אָ וואָ וואָ, דו הערסט וואָס מ׳רעדט דאָ?

„כל היוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו.“

—נו וואָס פעהלט דיר דאָ אין בית המדרש?

—ספרים האָסטו? לערנען קענסטו?

זיצט מען און מ׳לערנט!

דער יונגערמאַן איז געוואָרען שטאַרק פערשעהמט. ער האָט קוים געפונען די טהיר אַרויסצוגעהן.

נאָך דעם יונגענמאַנס אַרויסגעהן, רופט זיך אָן דער רבי צום בראָקער רב:

—נו בין איך אומגערעכט? וואָס פעהלט איהם דאָ? אַ חוצפה פון אַ יונגענמאַן!

דעם רבי׳נס קול האָט מען געהערט אין גאַנצען בית־המדרש.

די חסידים האָבען פון די ווערטער געמאַכט אַ פירוש:

„אַז חסידות—איז אויך אַ מלחמה־מיט׳ן „יצר־הרע“.

אַז מ׳געהט מלחמה האַלטען, דאַרף מען פערגעסען אין ווייב, אין די קינדער, אין די גאַנצע עולם הזה, פונקט ווי ביי אַ רעכטע מלחמה...

## ז.

# צי איז דאָס פלייש נישט פון קיין בכור?

דער אַלטער גערער רבי, דער חדושי־הרי״ם ז״ל, איז געפאָהרען אַמאָל קיין קאָצק דורך קאַלושין, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין קאַלושין נעכטיגען.

אַז די קאָצקער חסידים זענען געוואָר געוואָרען, אַז דער חדושי־הרי״ם איז אין שטאָט, (זיי האָבען איהם גוט געקענט) האָבען זיי געמאַכט אַ סעודה לכבוד איהם.

ס׳זענען זיך צונויף געקומען אַלע בעסטע יונגעלייט פון שטאָט, און געמאַכט אַ שבת׳דיגע סעודה.

אַז מ׳האָט דערלאַנגט דעם חדושי־הרי״ם די יויך, האָט ער גענומען מישען מיט׳ן לעפעל, געמישט, געמישט.

דער שטאָט־שוחט איז געזעסען אַנטקייגען. האָט ער זיך דערשראָקען: אפשר האָט דער חדושי־הרי״ם געפונען אַ פגם אין זיין שחיטה?

דער שוחט איז שטאַרק בלאַס געוואָרען, און געקוקט אויפ׳ן חדושי־הרי״ם.

דער חדושי־הרי״ם האָט זיך אויפגעשטעלט און, געפרעגט דעם בעל־הבית:

—צי איז נישט דאָס פלייש פון אַ בכור?

אַלע חסידים זענען נשתומם געוואָרען. באַלד זענען עטליכע יונגעלייט אַרויסגעלאָפען צום קצב געוואָר ווערען: באַ וועמען האָט ער געקויפט די בהמה?

ווען דער קצב האָט דערהערט פון די חסידים די שאלה, האָט

ער זיך שטארק דערשראָקען, ער האָט דערזעהן אַז זיי ווייסען שוין זיין „סוד".

זאָגט דער קצב: שרייט נישט, איך וועל אייך אַלץ דערצעהלען:

— איך האָב געהאַט אַ קוה אַ בכור׳טע, האָב איך איהר פערגעסען צו פאַרקויפען צו אַ גוי; דערוויייל האָט די קוה געהאַט אַ קאַלב, מיר איז געווען אַ שאָד דאָס קאַלב צו לאָזען „הפקר", האָב איך דאָס קאַלב געשחט׳ן; און דאָס „פלייש" איז פון דעם קאַלב...

איך בעט אייך, האָט אויף מיר רחמנות, זאָגט נישט אויס פאַר קיינעם, מ׳וועט מיר מאַכען פאַר אויס קצב!...

איך וועל שוין מעהר אַזוינס נישט טאָן!

ווי די חסידים האָבען דאָס דערהערט, זענען זיי שטאַרק איבערראַשט געוואָרען!

זיי זענען צוריקגעקומען צום חדושי־הרי״ם, און איהם דער־צעהלט—אַז דאָס פלייש איז טאַקי פון אַ „בכור"...

דער חדושי־הרי״ם האָט די מעשה קליין געמאַכט:

— מאַלע וואָס ס׳טרעפט זיך—„מ׳דערקענט!"

די מעשה איז באַלד מפורסם געוואָרען צווישען אַלע חסידים. ווען דער חדושי הרי״ם איז דערנאָך געקומען קיין קאָצק, האָט ער נישט געוואָלט, אַז די מעשה זאָל דערגעהן צום רבי׳ן: האָט ער געבעטען די חסידים, זיי זאָלען נישט איבערדערצעהלען די מעשה פאַר׳ן רבי׳ן.

שפּעטער איז דער חדושי־הרי״ם אַריין צום קאָצקער רבי׳ן, רופט זיך אָן דער רבי:

— אָ, איטשע מאיר, דו ווייזט שוין רוח־הקודש!?

ביי מיר שפילט מען זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכען! מופתים ווועסטו ווייזען, ווען דו וועסט ווערען רבי!...

דער חדושי־הרי״ם האָט דעם קאָצקער רבי׳ן גאָרנישט געענט־פערט, און מעהר אין קאָצק נישט געוויזען קיין „רוח־הקודש"...

## ה.

# ווי אַזוי דאַרף מען דאַווענען?

דער „יוד” הקדוש פלעגט דאַווענען הינטער דער שטאָט, ער פלעגט ליב האָבען אויסצושמועסען זיך מיט גאָט, וואו קיין מענשען זענען נישטאָ.

בעת׳ן דאַווענען פלעגט ער אַרויסווייזען גרויס התלהבות, מיט מסירות נפש; יעדעס וואָרט פלעגט ער זאָגען אַ סך מאָל, שטאַרק מדקדק זיין אַז דאָס וואָרט זאָל ריכטיג אַרויסגעזאָגט ווערען, און פערשטעהן וואָס ער רעדט: פירוש־המילות.

ער פלעגט מרעיש־עולמות זיין מיט זיין דאַווענען. ווי דער „יוד” איז געשטאַנען און געדאַווענט, איז צוגעקומען צו איהם דער „שטן” און זאָגט:

—אויב דו וועסט נישט אויפהערען דאַווענען, וועל איך דיך דער׳הרג׳נען!...

—אַ כפרה בין איך!—ענטפערט דער „יוד”.

און ווייטער געדאַווענט, געשריגען העכער, מיט גרעסערע כונות.

דער שטן האָט נישט געוואָלט אָבטרעטען, און זאָגט צו איהם נאָכאַמאָל:

—אויב דו וועסט נישט אויפהערען דאַווענען, וועל איך דער׳הרג׳נען דיין ווייב!...

—אַ כפרה דאָס ווייב!—זאָגט דער „יוד”.

און ווייטער געדאַוונט.

דער שטן זעהענדיג, אַז ער קען מיטן „יוד” גאָרנישט מאַכען, זאָגט ער צום „יוד” נאָכאַמאָל: אויב דו וועסט נישט אויפהערען דאַווענען, וועל איך דער׳הרג׳נען דיינע קינדער!...

—אַ כפרה די קינדער!—ענטפערט דער „יוד”.

און ווייטער געדאַוונט, מיט מעהר היץ, און נישט געקוקט אויפ׳ן שטן.

ער האָט געדאַוונט, און געדאַוונט, ביז ער האָט געענדיגט דאַווענען, ווי אַלע טאָג; איז ער אַהיימגעגאַנגען.

ווי דער „יוד” איז געקומען צום רבי׳ן פון לובלין פרעגט איהם דער רבי: ווי פאַלסטו אויס זיך איינצושטעלען דיין לעבען צוליבן דאַווענען?

תפילה איז דאָך מדהבנן, און אַ זאַך וואָס איז מדרבנן דאַרף דערביי נישט זיין קיין מסירת נפש...

ענטפערט איהם דער „יוד”. אַז איך שטעל זיך דאַווענען, דאַכט זיך מיר ווי צעהן קאָזאַקען וואָלטען געשטאַנען איבער מיר, מיט די בלויזע שווערדען, און ווילען מיר הרג׳נען, אויב איך דאַוון נישט מיטן גאַנצען כח פון מיין נשמה!...

—אָט אַזוי דאַרף מען דאַווענען! האָט אויסגעפיהרט דער קאָצקער רבי זצ״ל, צו די מעשה פון „יוד־הקדוש”.

ו.

## ס'וועט מוזען זיין אויף פסח!

צום קאַצקער רבי'ן איז געקומען אַ חסיד, אַ גלעזער, אַ גרויסער אָרימאַן.

ס'איז געווען פאַר פסח, דער גלעזער האָט נישט געהאַט קיין שום אויסוועג ווי אַזוי צו מאַכען יום־טוב.

דער גלעזער איז זיך מתנצל פאַר ן רבי'ן:

—א גאַנצען ווינטער, בין איך נישט פאַר אייך געדאַכט, געלעגען קראַנק, מיין ווייב מיט די קינדער זענען געשוואָלען געוואָרען פאַר הונ־גער און קעלט; יעצט געהט צו פסח, כ'האָב נישט פון וואַנען צו מאַכען יום טוב, רבי לעבען העלפט מיר, גיט מיר אַנ'עצה.

דער רבי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, שטאַרק פער־קלערט, געזוכט אַנ'עצה פאַר'ן גלעזער.

דער גלעזער איז געבליבען שטעהן שטאַרק טרויעריג, ער האָט אויפ־געהערט רעדען, דער רבי האָט עטליכע מאָל אַ קוק געטאָן אויפ'ן גלעזער, און שנעל געגאַנגען אַרויף און אַראָב איבער'ן שטוב.

דאָס האָט אָנגעדויערט אַ צייט, דער יוד האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן: צי אַרויסגעהן צי וואַרטען, ער האָט שטאַרק געזיפצט.

רופט זיך אָן דער רבי: וואָס האָסטו געטאָן פריהער?

—רבי—הייבט אָן דער גלעזער מיט געוויין—איך וואוין ביי אַ פּויער אויפ'ן דאָרף, כ'פלעג ביי איהם אַלעמאָל האָבען אַרבייט, כ'פלעג ביי איהם קריגען געבאָרגט אַ פּאָר קערבלעך אויך. נאָר צייט כ'בין קראַנק געוואָרען, בין איך איהם געבליבען שולדיג פופצהן רובעל, האָב איך מורא צו ווייזען זיך פאַר איהם.

—האָב נישט קיין מורא, פאָהר אַהיים, וועסט מוזען האָבען אויף פסח!

דער גלעזער האָט אפילו מיט'ן שכל נישט פערשטאַנען, נאָר אַז דער רבי זאָגט איהם אַזוי פעסט, איז ער אַוועק פון רבי'ן פרעה־ליך און איז אַהיים געפאָהרען.

אַהיים קומענדיג, האָט איהם דאָס ווייב געפרעגט:

—וואָס האָט דיר דער רבי געזאָגט?

—דער רבי האָט מיר מבטיח געווען, ס'וועט מוזען זיין אויף פסח!

זאָגט נאָך דער גלעזער פאַר'ן ווייב, מיט'ן זעלבען נוסח פון רבי'ן.

זיין ווייב האָט איהם נישט איבערגעשפּאַרט, נאָר זי האָט איהם געהייסען געהן פערזעצען זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, און קויפען אַ קעסטעל גלאָז.

ער האָט איהר געפאָלגט: געגאַנגען אין שטאָט אַריין און פערזעצט די שבת'דיגע קאַפּאָטע, געקויפט אַ קעסטיל גלאָז. גענומען עס אויף די פּלייצע, און געגאַנגען אַהיים אַ פרעהליכער.

אויפ'ן וועג האָט איהם אָנגעיאָגט אַ היימישער פּויער מיט אַ פוהר, זאָגט דער פּויער צו איהם: הערשקאָ געהסט אַהיים? שטעל אַרויף דאָס קעסטיל גלאָז אויף די פוהר, און זעץ זיך אויף.

ער האָט אַזוי געטאָן, אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטעל גלאָז און אַליין זיך געזעצט דערנעבען.

זיי האָבען אָנגעהויבען שמועסען נייעס פון שטאָט, דער גוי האָט

אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום גלעזער, און דאָס פערד געלאָזט אַליין געהן.

דערווייל איז דאָס פערד אַרויף אויף אַ בערגעל שטיינער, און איידער זיי האָבען זיך אומגעקוקט, איז דאָס קעסטעל גלאָז אַראָבגעפאַלען אויף די שטיינער, און זיך צוקרישעלט אויף פּיק־פּיצלעך.

דער גלעזער איז קוים אַראָב אַ גאַנצער, געגומען ברעכען די הענד, און וויינען: מיין לעצטע קאַפּאָטע פערזעצט...

דער פויער האָט גענומען שעלטען און שרייען:—אַלץ צוליב דיר—זשיד! איהר זענט אַ פערשאָלטען פאָלק פון גאָט...

דער פויער האָט אויסגעגלייכט דעם וואָגען, זיך אויפגעזעצט, געלאָזט דעם יוד שטעהן ביי די קופּע גלאָז, און אַוועקגעפאָהרען.

דער גלעזער איז געשטאַנען אַ צייט און געוויינט. זעהענדיג אַז ער קען גאָרנישט מאַכען, האָט ער איבערגעלאָזט די שטיקלעך גלאָז, און איז אַהיים געגאַנגען אַ צובראָכענער.

אין שטוב איז געוואָרען תשעה־באב, דאָס ווייב מיט די קינדער האָבען שרעקליך געוויינט, זיי האָבען זיך געקריגט אַ גאַנצע נאַכט; ס'איז פערפאַלען, וואָס קען מען העלפען, ס'איז צעקרישעלט אויף שטיקלעך.

אויף צומאָרגענס קומט אַריין צום גלעזער אַ פויער, און זאָגט: הערשקע, פאַרוואָס לאָזטו ליגען די שטיקלעך גלאָז, קלויב זיי צונויף, און ברענג זיי מיר, וועל איך דיר געבען אַ ביסעל קאַרטאָפעל דערפאַר.

דער גלעזער האָט אַפילו נישט געוואָלט אַהין געהן, נאָר דער פויער האָט איהם נישט אָבגעטרעטען; ער האָט געמוזט צוזאָגען געהן צונויפנעמען דאָס גלאָז.

—פאַרוואָס—זאָגט דער פויער—זאָלען אַנדערע צונעמען דיין גלאָז?

דער גלעזער איז געגאַנגען נאָכן גלאָז, אויפ'ן וועג אין וואַלד דערזעהט ער דעם פריץ רייטענדיג, ער האָט זיך דערשראָקען, דער פריץ זאָל אים אַמאָל נישט האָבען דערזען ער קען איס נאָך מאָנען די 15 רובל.

דער גלעזער האָט געפּרובט צוריקגעהן, אָבער ס׳איז שוין גע־זוען צו שפּעט, דער פּריץ האָט איהם דערזעהן.

שרייט דער פּריץ: הערשקאָ, הערשקאָ!

דער גלעזער האָט דערהערט דאָס קול, איז איהם קאַלט גע־וואָרען, וואָס וועט ער איהם ענטפערען?

דער גלעזער איז צוגעגאַנגען, זיך שטאַרק פערנייגט פאַר׳ן פּריץ.

דער פּריץ קוקט איהם אָן, און בעדויערט איהם:

—וואָס זעהסטו אַזוי שלעכט אויס הערשקאָ? פאַרוואָס זעהט מען דיך נישט? וואו ביזטו געוועזען אַ גאַנצען ווינטער? ביזט געוואָרען אַ דזשעדזיק? שמייכעלט דער פּריץ.

דער גלעזער האָט געפּרובט ענטפערען, לאָזט איהם נישט דער פּריץ נאָר שרייט צו איהם: ביזט געוואָרען פויל, ווילסט נישט אַר־בייטען. ביי מיר אין הויף איז דאָ אַ סך אַרבייט, מ׳דאַרף אין אַלע סטייניעס אַריינמאַכען שויבען, מ׳דאַרף די וואַרענדע אויסגלעזען, און דו קומסט נישט צוגעהן? כ׳האָב שוין געוואָלט רופען אַ צווייטען גלעזער.

דער גלעזער איז געוואָרען אַ ביסעל פעסטער ביי זיך, ער האָט געזעהן, אַז דער פּריץ מאָהנט איהם נישט דעם חוב, טראַכט ער זיך: מסתּם האָט ער פערגעסען אין חוב. איך וועל איהם אָוועקגעבען, לאָ־מיך נאָר פערדינען.

דערווייל געהט ער מיט מיט׳ן פּריץ, דער פּריץ רייט פאַמעלעך, און ער געהט נאָך. צוקומענדיג צום הויף, רופט זיך אָן דער פּריץ: הערשקאָ דאַכט מיר, אַז דיר קומט ביי מיר אַ חוב? געדענקסט נישט וויפיל?

הערשקע איז געוואָרען בלייך; אַצינד, טראַכט ער זיך, איז שלעכט, ער האָט זיך דערמאָנט.

דער פּריץ איז מיט איהם אַריין אין קאַנטאָר, רופט אַריין דעם

עקאָנאָם, און הייסט איהם נאָכזעהן וואָס קומט הערשקען?

דער עקאָנאָם אַ פּראָסטער פויער, אַ ליטערער, שמייכעלט צו הערשקען, און הערשקע שטעהט אָהן היטעל, בלייך ווי די וואַנד.

—פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט. זאָגט דער פּריץ, זעהענדיג ווי בלייך הערשקע איז געוואָרען.

דער גלעזער דאַנקט. זעצט זיך אויף דער באַנק. ער האָט שיעור נישט גע'חלש'ט פאַר שרעק; אַצינד, טראַכט ער זיך, וועל איך בלייבען אַ ליגנער ביים פּריץ: לא-די וואָס איך בין שולדיג דעם פּריץ, האָב איך נאָך געוואָלט דעם פּריץ אָבגענאַרען, אַז מיר קומט נאָך ביי איהם... יעצט וועט זיך אַרויסווייזען דער גאַנצער אמת.

—ווי וועל איך אויסזעהן?

דער גלעזער האָט שיעור נישט אויסגעשריען צום פּריץ: פּאַניע דזשעדזשיצו, מ'דאַרף נישט זוכען, איך וועל אַליין זאָגען וויפיל איך בין שולדיג, כ'האָב נישט היינט, כ'וועל אָוועקגעבען, כ'בין נישט געזונט געווען, כ'וועל אָנהויבען אַרבייטען וועל איך אַלץ בעצאָהלען...

נאָר דער עקאָנאָם האָט איהם איבערגעהאַקט די רעיונות, און זאָגט צום פּריץ: הערשקאָווי נאַליעזשי שען אָד יעשעני פּיעטנאַשטשע רובלי! (הערשקען קומט פון סוכות־צייט פופצעהן רובעל).

דער גלעזער איז געוואָרען נאָך בלייכער, ווי ער איז געווען, ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס.

דאָס איז דאָך פונקט פאַרקערט, האָט ער געוואָלט אויסשרייען, ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטען, און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער פּריץ קוקט אויפ'ן גלעזער, זעהענדיג ווי בלאַס ער זעהט אויס, שרייט ער צום גלעזער: הערשקאָ וואָס איז דיר, ביזט נישט געזונד? נעם אָב די פופצעהן רובעל, כ'וועל דיר הייסען געבען אַ האַלבע קערץ ווייץ אויף פסח און אַ קערץ קאַרטאָפעל, מיט אַ פערטעל בוראַקעס, זאָלסט מיר מאַכען די אַרבייט, כ'דאַרף זי נייטיג האָבען, כ'וועל דיר נאָך פאַר פסח בעצאָהלען פאַר די אַרבייט.

דער גלעזער האָט זיינע אויגען נישט געגלויבט, צי איז דאָס אַ חלום? צי פּרובט איהם נישט דער פריץ אויס? ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער פריץ זעהענדיג ווי בלייך דער גלעזער זיצט, האָט ער געהייסען אַריינברענגען אַ פלעשעל בראָנפען מיט אַנ׳איי.

אַרויסגעהענדיג פון קאָנטאָר, זאָגט דער פריץ צום עקאָנאָם: זאָלסט הערשקען דאָס אַלץ געבען, און שיק איהם אָב אַהיים אויף אַ פוהר, זעהסט דאָך ער איז נישט געזונט.

מ׳האָט אַריינגעבראַכט אַ פלאַש בראָנפען מיט עטליכע אייער, דער עקאָנאָם האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזלעך, איינס פאַר זיך, איינס פאַר הערשקען און געטרונקען לחיים מיט׳ן גלעזער, איהם געקלאַפּט איבער די פּלייצע: הערשקע טרינק, נישקשה וועסט פערדינען ביים פריץ; ער איז אַ גוטער. זעהסט ווי דער פריץ האָט דיך ליב, ער האָט דיר געהייסען אָבפיהרען מיט אַ פוהר, טרינק הערשקאָ, און נאָך אַמאָל אויסגעטרונקען.

דער גלעזער האָט גאָרנישט געענטפערט.

ער האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז דעם קאָצקער׳ס מלאכה...

נאָכ׳ן בראָנפען, האָט דער עקאָנאָם אויסגעצאָלט הערשקען פופ־צען רובעל, און אַרויסגעפיהרט איהם צום שפּייכלער, אָנגעשיט אַ האַלבע קערץ ווייץ, מיט אַ גרויסען זאַק קאַרטאָפעל, אַ זעקעל בוראַ־קעס מיט אַ ביסעל ציבעלעס און געזאָגט הערשקען: זאָלסט מיר אַריינ-מאַכען אַ שויב ביי מיר אין שטוב. אַ פּאַראָבעק האָט די אַלע זאַכען אויפגעלאַדעוועט אויף אַ פוהר, און געהייסען הערשקען אויפזיצען.

מיט אַ הויכען קנאַק מיט דער בייטש איז דער פּאַראָבעק אַרויס-געפאָהרען פון הויף, אַלע פויערים האָבען הערשקען נאָכגעקוקט.

דער גלעזער האָט זיך אַלץ נישט געגלויבט, נאָר זעהענדיג אַז ער איז שוין אַרויס פון הויף, האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ טעות פון עקאָנאָם: אַנשטאָט צו פערשרייבען, אַז הערשקע איז שול־

דיג, האָט ער פערשריבען: הערשקען איז מען שולדיג...

דער פּאַראָבעק איז פערפאָהרען פאַר הערשקעס טהיר, ער האָט אַראָבגעטראָגען דעם ווייץ, מיט די קאַרטאָפּעל, מיט די בוראַ־קעס מיט די ציבעלעס. הערשקעס ווייב האָט דעם פּאַראָבעק געוואָלט געבען אויף ביער, האָט ער נישט געוואָלט נעמען: ניע טשעבאַ, ניע טשעבאַ, דרוגי ראַז, זאָגט דער פויער, ער האָט געהערט, אַז הערשקע איז נישט געזונד.

אַז דער פּאַראָבעק איז אַרויס פון שטוב, האָט הערשקע צוגע־מאַכט די טהיר, און זיך אַנידערגעזעצט מיישב זיין מיט'ן ווייב: וואָס זאָל ער אַצינד טאָן? צי זאָל ער נעמען דאָס געלד, צי אפשר עס צוריק אָבגעבען?

דאָס ווייב האָט נישט געוואָלט גלייבען, בשום כל אופן:

ווי איז דאָס מעגליך—שרייט דאָס ווייב—אַז דו ביזט שולדיג דעם פריץ פופצעהן רובעל, געהסטו, און נעהמסט נאָך צו ביים פריץ פונצעהן רובעל? פאָלג מיר געה שוין אַריבער צום פריץ, און גיב איהם צוריק אָב, דו קענסט נישט די פריצים!

זי האָט אַזש אָנגעהויבען וויינען.

הערשקע האָט איהר גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, און אויפ'ן געלעגער האָט ער געקלערט וואָס קען דאָס בעדייטען.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפען.

דאָס ווייב האָט איהם דעם טויט געמאַכט: הערשל דו וועסט זעהן וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט!...

אויף צומאָרגענס האָט הערשל זיך אויפגעהויבען פריה, אָבגעדאַ־ווענט, איבערגעביסען, אַוועק אין שטאָט אַריין.

אויפ'ן וועג האָט ער בעשלאָסען אַריינגעהן אין שטאָט צו ווע־מען זיך מיישב זיין, וואָס ער זאָל טאָן מיט'ן געלט.

צדורכגעהענדיג דורכ'ן רב'ס פענסטער איז ער אַריין צום ר״,

דער רב האָט איהם אַ צייט נישט געזעהן, האָט ער געמיינט אַ „שאלה".

דער גלעזער האָט געקלערט: צי דערצעהלען דעם רב, צי נישט?

—וואָס זאָגסטו הערשל נייעס?—פרעגט דער רב.

—כ'האָב דעם רבי'ן געוואָלט עפּעס פרעגען...

—וואָס איז, שעהם זיך נישט.

—ס'איז אַ סוד.

—אפשר אַ גנבה? קוקט אויף איהם דער רב מיט חשד.

—חס־ושלום, זאָגט דער גלעזער, און ווערט בלאַס.

—נאָר וואָס דען?

הערשקע שווייגט.

—זאָג, שעהם זיך נישט.

—רבי, איך מוז דעם רבי'ן בעטען, אויף מיר נישט פּעראיבעל האָבען, אַז דער רבי זאָל מיר צוזאָגען: קיינעם נישט איבער'חזר'ן.

דער רב קוקט איהם אָן, ער האָט איהם געקענט פאַר אַ גאַנץ שטילען. זאָגט ער איהם צו: בלי נדר, כ'וועל נישט דערצעהלען.

—הערט אויס רבי, הייבט אָן הערשל שטיל. איך בין אַ גאַנצע ווינטער געלעגען קראַנק, נישט פאַר אייך געדאַכט, מיין ווייב מיט די קינדער זענען געשוואָלען געוואָרען פון הונגער און קעלט.

אַז איך בין געזונט געוואָרען, האָב איך גענומען מיין שבת'דיקע קאַפּאַטע, פּערזעצט ביי שמחה שענקער פאַר צעהן רובעל, און געקויפט אַ קעסטעל גלאָז. יענע וואָך איז דאָס געוועזן.

אהיים געהענדיג, מיט'ן גלאָז, האָט מיר אָנגעיאָגט אַ היימישער פוּער מיט אַ פוהר, און מיך אָהויפגענומען. ווי מיר זענען געפאָהרען, איז דאָס פערד אַרויף אויף אַ קופּע שטיינער, מיין קעסטעל גלאָז איז אַראָפּגעפאַלען און צובראָכען געוואָרען אויף שטיק שטיקלעך.

איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל ח"ו דאַרפען אָנקומען נאָך מעות חיטים. האָט מיר גאָט געטאָן אַ נס, איהר מעגט הערען: דעם דינסטאָג

איז עס געווען, געה איך אין וואַלד, טרעפט מיר מיין פּריץ, און רופט מיר צו.

כ'האָב אַפילו מורא געהאַט צו געהן, כ'בין איהם שולדיג אַ חוב, נאָך פון פאַר סוכות פופצעהן רובעל, האָב איך געמיינט, אַז ער וויל דעם חוב.

צום סוף האָט ער מיר אויסגעפרעגט וואָס איך מאַך, פאַרוואָס מ'זעהט מיך נישט, און פיהרט מיר. אָב אין הויף אַריין, נעמט מיר אַריין צום עקאָנאָם, און הייסט נאָכזעהן וויפיל מיר קומט ביים פּריץ...

דער עקאָנאָם האָט אויסגעפונען: אַז מיר קומט פופצען רובעל!

איך האָב גאָרנישט געענטפערט, טאָמער פרובט ער מיר אויס. דער פּריץ זעהענדיג ווי איך שווייג, האָט ער מיר געהייסען נאָך צוגעבען אַ האַלבע קערץ ווייץ, מיט אַ קערץ קאַרטאָפעל, מיט אַ פערטעל בוראַקעס!

איך פרישע אַרבייט האָט ער ביי מיר בעשטעלט, און נאָך פאַר פסח זאָל איך עס מאַכען, ער וועט באַלד בעצאָהלען.

אַצינד רבי ווייס איך נישט, וואָס טוט מען:

—צי זאָל איך געהן צום פּריץ דערצעהלען דעם אמת? צי זאָל איך קויפען גלאָז פאַר'ן געלד? און פאַרדינען אויף פסח?

דער רב האָט געשוויגען. ער האָט פערשטאַנען דעם גלעזערס לאַגע, און דאָ איז פאַר פסח...

פרעגט דער רב דעם גלעזער: צו וועלכען רבי'ן פאָהרסטו?

—צום קאָצקער, ענטפערט דער גלעזער.

—ביזט שוין לאַנג נישט געווען ביים רבי'ן?

—נישט לאַנג, פאַר אַ פּאָר וואָכען.

—וואָס האָט דיר דער רבי געזאָגט?

—כ'האָב זיך פאַר איהם מתנצל געווען, האָט ער מיר געזאָגט: „וועסט מוזען האָבען אויף פסח!..."

—געה קויף גלאָז, פאָלג דיין רבי'ן.

—טאָמער דערמאַנט זיך דער פריץ?

—האָב נישט קיין מורא: אַז אַ ייד פערגעסט עפּעס, דערמאַנט ער זיך אין מיט'ן „שמונה-עשרה"...

אָבער אַ גוי, אַז ער פערגעסט עפּעס, האָט ער נישט ווען צו דערמאַנען זיך—פערגעסט ער!...

—געה און מאַך יום טוב!

ס'איז פערפאַלען: „ס'וועט מנזען זיין אויף פסח!"...

ז

## את כספך לא תתן לו בנשך...

צום קאַצקער רבי'ן איז געקומען אַ פּראָצענטניק, אַ חסי"ד, אַ גרויסער למדן, בשעת ער איז אַריינגעקומען צום רבי'ן, האָ דער רבי גע־האַלטען אין מיטען פּרק „איזה-נשך".

דער רבי האָט געהאַלטען אין מיטען שיעור.

בשעת דער רבי האָט דערזעהן דעם חסיד, האָט ער געטוען אַ געשריי—דיר מיינט עס דער פּסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך"!

(דיין געלט זאָלסט נישט געבען אויף פּראָצענט).

דער יוד איז שטאַרק מבויש געוואָרען.

אַז דער רבי האָט געזעהן, ווי ער שטעהט אַזוי פאַרשעהמט, רופט דער רבי איהם צו: קום נאָר אַהער, האָסט געלערענט חומש? געדענקסט דעם פּסוק: את כספך לא תתן לו בנשך?

—וואָס איז דער טייטש „בנשך"?—זאָלסט נישט בייסען,

—וואָס מיינט די תורה מיט דעם וואָרט „בייסען”?

אז איינער נאַרט אַזוי אָב אַ יוד, ער נעמט ביי איהם צו זיין געלט-הייסט דען דאָס נישט געביסען? וואָס עפּעס נאָר ביי פּראָצענט האָט די תורה געזאָגט דאָס וואָרט בייסען?

קום אַהער, וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה, וועסטו פערשטעהן דעם פּשט פון פּסוק:

„בשעת די יודען זענען אַרויס פון מצרים, האָבען זיי אָנגעבאָרגט ביי די מצריים אַ סך גילדענע און זילבערנע כּלים. נישט יעדער יוד האָט געקריגען געבאָרגט.

האָט זיך געפונען איין יוד אַ גרויסער למדן, וואָס האָט אַ סך זאַכען אָנגעבאָרגט ביי זיי מצריים, און ווען די יודען זענען געווען אין די מדבר, האָט זיך דער יוד געמאַכט אַ קרעמעל פון גאָלדוואַרג: טייערע פינגערלעך, טייערע אוירינגלעך, טייערע בעכערס, און די יודען וואָס האָבען עפּעס בעדאַרפט האָבען פון די זאַכען האָבען געמוזט אָנקומען צו איהם.

אין די מדבר איז נישט געווען קיין געלט, מיט וואָס צו בעצאָלען, אַז איינער האָט געוואָלט האָבען אַ פּאָר אוירינגלעך פאַר'ן ווייב, צי אַ פינגערל, איז ער געקומען צו דעם יוד; דער יוד האָט נישט געוואָלט געבען בחנם, איז ער געפאַלען אויף אַ פּלאַן: געבען אויף אַ „וועקסעלע”.

יעדער ווער ס'האָט געוואָלט עפּעס קויפען, האָט געגעבען אַ וועקסעל: אַז אין ארץ-ישראל זאָל ער דעם „מלוה” בעצאָלען פאַר'ן חפץ מיט פּראָצענט. אַנדערש האָט דער „מלוה” נישט געוואָלט באָרגען.

פערפאַלן, אַ ברירה האָבען זיי געהאַט.

דער „מלוה” האָט געמאַכט אַ סך „געשעפטען”, געגעבען אויף „וועקסעלעך” מיט „פּראָצענט”

בשעת משה רבינו האָט מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, און דערנאָך איהר איבערגעגעבען די יודען, האָט משה געקענט

אַלע יודען פון די מדבר.

אַ קליינינקייט פערציג יאָהר זיין צוזאַמען.

ווען משה־רבינו איז געקומען צום פסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך" האָט דער „מלוה" געטאָן אַ געשריי: איך באָרג נישט קיין געלד!

אַלע יודען האָבען געלאַכט.

שפּעטער ווען משה־רבינו איז אַראָב פון באַרג־סיני, האָט זיך דער „מלוה" צוגעשטופּט צו משה'ן, ער איז דאָך געווען אַ יוד אַ „למדן", ער האָט געוואוסט פון „היתר עיסקא'ס..." געוואָלט משה'ן אויפווייזען — אַז על פּי דין מעג מען נעמען פּראָצענט מיט אַ „היתר־עיסקא"...

משה רבינו איז געווען אַ יוד אַ חכם, האָט ער פערשטאַנען וואָס דעם יוד קווערטשט.

זאָגט צו איהם משה: קום אַהער מיין זוהן, וועל איך דיר מפורש דעם פּסוק: „את כספך — דיין זילבער, לא תתן — זאָלסטו נישט געבען; „בנשך" — צו בייסען...

אַפילו דו נעמסט אַ „היתר עיסקא", אַפילו דו מאַכסט אַ הכשר, זאָלסטו נישט „בייסען", יענער דער באָרגער זאָל אויף דיר נישט ווײנען, יענער זאָל אויף דיר נישט אַרבייטען פאַר דייגעטוועגען, כדי דו זאָלסט זיצען און לערנען — און בייסען... ס'הייסט עסען!

יעדער מענש דאַרף אַרבייטען, „אדם לעמל יולד".

אַ מענש איז בעשאַפען געוואָרען צו אַרבייטען!

פּראָצענט הייסט — „בייסען", דו „בייסט" יענעמ'ס אַרבייט.

דאָס פּיהרט אויס דער רבי. מיינט דער פּסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך:" דיין געלד זאָלסטו נישט געבען אויף פּראָצענט יע־נער זאָל פאַר דיר אַרבייטען!

אַרבייט אַליין!

## ח.

# לא תגנוב.

בײם קאָצקער רבי'ן זצ"ל. האָט מען געהאט צ גע'גנב'עט עטליכע זילבערנע לײַכטערס.

אין שטוב איז געװען אַ גרױס געריודער.

די רביצין האָט שטאַרק געשריגען: אַלץ די פרעמדע מענשען, װאָס דרעהען זיך אין שטוב גאַנצע טעג.

זי האָט חושד געװען אין די גנבה-חסידים.

דער רבי, דערהערענדיג װי די רביצ'ין שרײט אַזױ, זאָגט ער צו איהר: װאָס שרײסטו אַזױ? מסתם האָט די לײַכטער אַ יוד גע־באָרגט, קײן גוי דאַרפט דאָך נישט קײן ליכט-בענטשען; נאָר אַ יוד—איז דאָך אַלץ אײנס, צי זײ שטעהן בײ מיר, צי זײ שטעהן בײ יענעם יוד!...

די רביצין האָט נאָך מעהר געשריגען.

מ'האָט אױסגעזוכט די גאַנצע שטאָדט, און נישט געפונען.

ס'האָט געהאַלטען דערבײ, אַז די רביצין זאָל קײן פרעמדע חסידים נישט אַרײַנלאָזען צו איהר אין שטוב אַרײן.

אָבשעת'ן גאַנצען קאָך, איז פונקט אָנגעקומען דער אַלטער גע־

דער רבי, דער חדושי־הרי"ם, צום קאָצקער רבי'ן. הערט ער ווי מען שרייט: לייכטער, צוגע'גנב'עט, פרעמדע מענשען. איז דער חדושי הרי"ם צוגעגאַנגען צום קאָצקער רבי'ן, און איבערגעפרעגט: וואָס איז עס דאָ געווען ביי אייך?

האָט איהם דער קאָצקער רבי דערצעהלט.

די רביצין דערהערענדיג ווי אַזוי דער רבי דערצעהלט די מעשה, איז זי אין כעס געוואָרען און אָנגעהויבען שרייען:

—ס'האָט קיינער נישט גענומען, נאָר אַ היימישער וואָס קומט דאָ אַריין!

דער רבי דערהערענדיג איהרע ווערטער, גיט ער אַ געשריי:

—אַ וואָס רעדסטו? ס'שטעהט דאָך „לא־תגנוב"!...

ווי אַזוי קען אַ יוד גנב'ענען—ווען ס'שטעהט לא תגנוב?...

---

מ'דערצעהלט נאָך, אַז די מעשה האָט געהערט דער „שפת־אמת" זצ"ל יונגעלווייז ווען ער איז געווען מיט'ן זיידען אין קאָצק.

האָט דער „שפת אמת" צוגעגעבען: בשעת דער קאָצקער רבי זצ"ל, האָט געגעבען אַ געשריי—ס'שטעהט דאָך „לא תגנב!" האָט זיך מיר אויסגעוויזען—פונקט ווי אַנ'אייזערנע וואַנד וואָלט געשטאַנען פאַר זיינע אויגען: דער „לא תגנוב".

אַזוי זיכער האָט אויסגעזעהן זיין געשריי: ווי אַזוי קען מען גנב'ענען—ווען ס'שטעהט בפירוש לא תגנוב?!...

ט.

# דעם „יוד׳ס״ העמד.

דער „יוד״ הקדוש איז אמאל אריינגעקומען צום רביין פון לובלין, דערזעהט דער רבי, ווי דער „יוד״ געהט אין א זעהר ברודיג העמד. איז דער רבי צוגעגאנגען צום וועש־שענקעל, ארויסגענומען א נייע ווע־בען העמד, און געגעבען דעם „יוד״.

דער „יוד״ האט גענומען דאס העמד און געגאנגען אין מקוה אריין.

די ארימע־לייט וואס האבען געקענט דעם „יוד״, האבען גע־וואוסט, אז וואס מ׳בעט איהם—זאגט ער נישט אב.

איז פונקט געוועזען אין מקוה אן׳ארימאן, דערזעהט ער ביים „יוד״ דאס נייע העמד, איז ער צוגעגאנגען און געבעטען ביים „יוד״ דאס העמד.

האט איהם דער „יוד״ אבגעגעבען דאס העמד.

דער ארימאן איז געווען א בעוואוסטער שיכור אין לובלין, ווי ער האט בעקומען דאס העמד, איז ער ארויס אין גאס, אריין אין א יודישע שענק, פערזעצט דאס העמד אויף בראנפען.

די שענקערין האט געווארט א פאר וואכען, דער שכורא׳ר

נישט געקומען אויסלייזען דאָס העמד.

איז די שענקערין געגאַנגען פערקויפען דאָס העמד, קיינער האָט עס נישט געוואָלט קויפען—ס'איז געווען מיט אַ רבי'שען קאָלנער.

ביז דאָס העמד איז אָנגעקומען צו די לובלינער רביצן. די רביצן האָט דערקענט איהר העמד, פרעגט זי די שענקערין:

-פון וואַנען קומט צו אייך מיין מאַנס אַ העמד?

דערצעהלט איהר די שענקערין: אַז מיכל שכור האָט ביי איהר פערזעצט דאָס העמד אויף בראָנפען, שוין אַ פּאָר וואָכען, און ער קומט נישט אויסלעזען.

מ'האָט אַריבערגעשיקט צו מיכלין פרעגען פון וועמען ער האָט געקריגען דאָס העמד.

מיכל האָט דערצעהלט דעם אמת: כ'בין געווען אין מקוה, האָב איך געבעטען ביים „יוד" דאָס העמד. האָט מיר דער „יוד" עס אַוועק-געגעבען.

די רביצן איז אַריין צום רבי'ן, דערצעהלט איהם די מעשה, און צוגעגעבען: זעהסט ווי חשוב ס'איז ביים „יוד" דיינס אַ זאַך! ער האָט דיין העמד אַוועקגעשענקט אַ שכור—אַ פּיאַק!

די מעשה האָט דעם לובלינער רבי'ן שטאַרק פערדראָסען.

דער „יוד" איז געוואָר געוואָרען—אַז דער רבי פון לובלין ווייסט שוין פון „העמד", און דעם רבי'ן פערדריסט עס שטאַרק.

האָט זיך דער „יוד" אַרומגעדרעהט ביי זיך אין שטוב—אַרויף און אַראָב. געהאַט גרויס עג"נ פון די מעשה.

פּונקט איז אַריינגעקומען אַ חסיד צום „יוד" הקדוש, פרעגט איהם דער „יוד":

-וואָס הערט זיך נייעס? אפשר ווייסטו עפּעס אַ מעשה דערצעהלען.

-יאָ, זאָגט דער חסיד, כ'האָב אַצינד געהערט אַ שיינע מעשה:

אין אַ שטאָדט איז געווען אַ גנב, פלעגט ער כל ימיו גנב'נען. אויף דער עלטער האָט ער שוין נישט געהאַט קיין כח צו גנב'נען.

איז ער געזעסען און געגעסען פון גרייטען, ביז ער האָט אויפגעגע־סען זיין גאַנץ פערמעגען.

ס'איז געקומען אַזוי ווייט—אַז דער „אַלטער" גנב האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו עסען.

אין דער זעלבער שטאָדט איז געווען אַ יוד אַ נגיד, איז ער געוואָר געוואָרען פון גנב'ס אָרימקייט, האָט ער געקריגען רחמנות אויפ'ן גנב, און איהם געשטיצט.

דאָס האָט געדויערט אַ צייט.

דערווייל זענען ביידע געשטאָרבען: דער גנב מיט'ן נגיד.

דער גביר איז געקומען אויף יענער וועלט, האָט מען איהם אָבגע'משפט גיהנם!

די מלאכי־חבלה האָבען גענומען דעם גביר און געפיהרט אין גיהנם אריין.

אין מיט'ן וועג לויפט נאָך אַ מלאך, און רופט צוריק דעם נגיד צום בית דין של מעלה.

ווי דער נגיד איז אַריינגעקומען צוריק צום ב"ד, של מעלה, רופט זיך אָן דער ראש בית־דין:

—ס'איז געשעהן אַ גנבה ביי דיין משפט—דו געהסט אין גן עדן אריין.

—פאַרוואָס, פרעגט דער נגיד.

—ווייל מ'האָט צוגע'גנב'עט דיינע עבירות.

—ווער, פרעגט דער נגיד.

—דער „אַלטער" גנב—געדענקסט?

אַזוי—רופטזיך אָן דער „יוד" הקדוש—ווערט דאָך אויבען נישט פערפאַלען!

מאַכט נישט אויס, וואָס כ'האָב אַוועקגעגעבען דעם שכור דאָס העמד!...

# בטחון.

די מידות הבטחון, פלעגט דער קאָצקער רבי זצ"ל, שטענדיק לער-נען: א י.ד דאַרף האָבען בטחון — אָהן בטחון קען מען קיין יוד נישט זיין.

— וואָס איז דען אַ יוד אָהן בטחון?

— וויפיל צרות, עגמת נפש, שטעהט אויס אַ יוד פון פרנסה, קינדער, אנדערע זאַכען?

— ווען נישט בטחון, וואָלט שוין ח"ו נישט געווען קיין שריד ופליט פון יוד.

איינמאָל איז דער רבי אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען מיט עט-ליכע יונגעלייט הינטער'ן שטאָדט.

אויפ'ן וועג, האָט דער רבי זצ"ל, געשמועסט פון בטחון: „אשרי האיש הבוטח בה'" (וואויל איז דעם מענש וואָס פאַר-לאָזט זיך אויף גאָט) זאָגט דער רבי: איהר ווייסט, אַז ווען אַ יוד ס'האָט באמת בטחון אין השי"ת, דער יוד מוז געהאָלפען ווערען.

דערווייל זענען מיר אַריין אין וואַלד.

דער רבי האָט נישט אויפגעהערט רעדענדיג פון בטחון, געהענ-דיג זענען מיר אַריין טיף אין וואַלד, דערזעהן מיר פון דערווייטענס געהן עטליכע גויים מיט העק.

מיר האָבען זיך גענומען שרעקען: אין וואַלד, גוים מיט העק.

דער רבי האָט נישט בעמערקט. רופט זיך אָן איין חסיד:

–רבי ס'געהן דאָ ערלים, מ'דאַרף אַוועקגעהן אין אַ זייט.

–און בטחון וואו איז? גיט דער רבי אַ געשריי.

אַלע האָבען געשוויגען.

די גוים זענען געקומען נעהנטער, מיר האָבען זיך שטאַרק געשראָקען. די גוים האָבען אונז דערזעהן, און פון אונז חוזק געמאַכט. מיר האָבען זיך שטאַרק געשראָקען פאַר'ן רבי'ן.

דער רבי האָט זיך נישט געמאַלט ווייסענדיג, און ווייטער גערעדט פון בטחון.

דערווייל זענען די גוים צוגעקומען צו אונז, און געפרעגט: צי מיר האָבען נישט קיין טיטון.

דאָס איז געווען אַ'אויסרייד.

פויליש רעדען–האָט קיינער פון אונז נישט געקענט.

האָבען מיר זיי געוויזען מיט די הענד, אַז מיר האָבען נישט קיין טיטון.

דער רבי האָט זיך נישט געשראָקען!

די גוים האָבען אפילו געפרובט שעפען, נאָר דער רבי האָט אונז געהייסען געדענקען–אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

און נישט מורא האָבען.

דערווייל רופט זיך אָן דער עלטסטער גוי: קומט אַוועק–דאָס זענען דולאַוונע.

די גוים זענען אַוועק. דער רבי האָט דערנאָך אויסגעפיהרט:

–דאָס האָט מען אונז אויסגעפרובט פון הימעל–צי מיר האָבען בטחון–דאָס זענען געווען שליחים פון גאָט!

נו איז שלעכט צו האָבען בטחון?

# כא

## דעם רבונו של עולם'ס „פשט'ל"

צום אַלטען קאָצקער רבי'ן זצ"ל, איז געקומען אַן'אַבגעקומענער גביר פרעגען אַן'עצה:

— ווי איהר ווייסט רבי — הייבט אָן דער יוד מיט גרויס הכנעה — בין איך געווען אַמאָל אַ גביר, כ'האָב געפיהרט אַ שעהן הויז, געהאַלטען מלמדים צו די קינדער; געהאַלטען מענשען, דינסטען, אַלע האָבען ביי מיר — פריהער גאָט דערנאָך איך — געהאַט פרנסה.

ביי מיר האָט געדינט אַ דינסט אַ סך יאָהרען, אַ מיידעל, האָט זי זיך אָנגעזאַמעלט עטליכע הונדערט רובעל, האָב איך איהר געקויפט פאַר'ן געלד אַ „וויגרישנעם-בילעט", אויף נדן.

דעם בילעט האָט זי אָבגעגעבען צו בעהאַלטען, איהר פאָטער. מיר האָט זי געבעטען: כ'זאָל ביי מיר פערשרייבען איהר נומער, און אַז איך וועל נאָך זעהן מיינע בילעטען, זאָל איך איהר'ן אויך נאָך זעהן, ווען ס'וועט זיין אַ ציהונג.

ס'איז אַ דורך אַ צייט, זי האָט אַלץ ביי מיר געדינט, ס'האָט זיך איהר נישט געמאַכט קיין שידוך.

דערוויל איז מיין ווייב געשטאָרבען — נישט פאַר אייך גערעדט, די געשעפטען האָבען אָנגעהויבען געהן שלעכט, וואָס אַמאָל ערגער, די קינדער מיינע זענען זיך צופאָהרען, כ'בין געבליבען עלענד.

מאַכט זיך אַ מעשה, איך בין געווען אין באַנק, האָב איך נאָך גע-

זעהן מיינע נומער'ן, האָב איך איהר נומער אויך נאָכגעזעהן, און ווי איז בעוראַשט בין איך געוואָרען: איהר נומער האָט געוואונען די 200 טויזענט! וואָס טוט מען?

האָב איך מיר מיישב געווען: כ'וועל איהר נישט אויסזאָגען, נאָר כ'וועל זיך צו איהר שדכנען, און מיט איהר חתונה האָבען.

נאָך די חתונה, וועל איך איהר אויסזאָגען, און מירביידע וועלען געהאָלפען ווערען — אפשר איז אַזוי בעשערט.

כך הוה.

איך בין אַהיים געקומען פון באַנק, האָב איך געשיקט נאָך מיין אַלטען שטוב-שדכן, און איהם צוגעזאָגט אַ פּאָר קערבלעך שדכנות, ער זאָל אויספיהרען דעם שידוך.

געווייגטליך, ווען כ'וואָלט איהר אויסגעזאָגט פון געווינעכץ, וואָלט זי בעסער געוואָלט אַ בחור, ווי מיר...

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, איז געווען די חתונה צו מזל. זי איז געווען צופרידען, אַנ'עלטער מיידעל אָהן געלד, און נישט אַזאַ יפת-תואר; בקיצור ס'איז אַדורך געגאַנגען אַ פּאָר וואָכען נאָך אונזער חתונה, קום איך אַהיים מיט אַ בשורה:

— דו ווייסט, זאָג איך, שרה לאה, דיין „וויגרישנער-בּיליעט" וואָס דו האָסט, וואָס איך האָב איהם דיר געהאַט געקויפט, האָט געוואונען דאָס גרויסע געוואונס! וואו האָסטו דעם ביליעט?

— דעם ביליעט — ענטפערט זי מיר שטיל — האָט מיין טאַטע שוין לאַנג פערקויפט, אונטערצובויען זיין שטוב...

* *
*

יעצט רבי, בין איך געקומען אייך פרעגען אַנ'עצה:

— וואָס זאָל איך מיט איהר טהון?

ס'איז דאָך געווען אַ מקח טעות פון מיין זייט: איך האָב געמיינט, אַז איך וועל מיר פערבעסערן מיין לאַגע, קענען עפּעס צו-

ריק אָנהויבען האַנדלען, אפשר וואָלט מיר השי״ת צוריק געהאָלפען.

און אַצינד, לאַ-די, וואָס כ׳האָב מיר נישט פערבעסערט, האָב איך מיר נאָך פערערגערט: כ׳האָב מיר פערבאָרגט און גענומען אַ דינסט...

זי איז נישט לפי כבודי, און ווער ווייסט צי זי וועט שוין קענען קינדער האָבען אויך?

— אַזוי! — רופט זיך אָן דער רבי מיט נצחון — הייסט עס אז דעם רבונו של עולם איז געלונגען צו מאַכען אַ „פשט׳ל", ווילסטו עס קאַליע מאַכען?

— ניין!

באַלד אַז דעם רבונו של עולם איז געלונגען דאָס „פשט׳ל", איז פערפאַלען, טאָרסטו עס נישט קאַליע מאַכען!

„מקח בלייבט מקח, און נאַר בלייבט נאַר!"

## כט

# דער „יום הדין"

יום-כפור צו כל-נדרי, דער גאַנצער עולם שטעהט און וויינט, דער רבי שטעהט ביים אָרון-קודש, דעם קאָפּ איינגעגראָבען אין פּרוכת, מ'הערט גישט קיין וואָרט.

דער חזן בלייבט שטעהן, ער וואַרט אַז דער רבי זאָל ענדיגען די תפלה, ער וואַרט אַ פּאָר מינוט, דער עולם זיפצט, מ'ווערט אומגעדולדיג, דער רבי ליגט אויפ'ן פּרוכת, אַלע חסידים זענען מעורר בתשובה, מסתם עפּעס אַ גזר.

ס'דויערט אַ האַלבע שעה, די מקורבים הייבען זיך אָן איבערצוקוקען, דער שמש האָט מורא צוצוגעהן, דער עולם קוקט געשפּאַנט צום אָרון קודש, דעם רבי'נס קאָפּ ליגט אַלץ אויפ'ן פּרוכת.

דאָס האָט אָבגעדויערט אַ שעה אין מעהר, דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט, דער עולם איז געשטאַנען שטיל, דער רבי דרעהט אויס דעם קאָפּ, קוקט אויפ'ן חזן, פאַר וואָס ער שווייגט?

דער חזן הייבט אָן ווייטער דאַוונען, דער עולם הייבט אָן שטאַרקער העכער צו דאַוונען.

נאָכ'ן דאַוונען, דער רבי איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטיבעל אריין, עטליכע מקורבים זענען אַריין צום רבי'ן.

דער רבי האָט פערשטאַנען, וואָס זיי ווילען פרעגען. רופט זיך אָן דער רבי:

— איך וואונדערט אַוודאי, פאַר וואָס כ'האָב אַזוי לאַנג גע־לאָזט אויף זיך וואַרטען? די מקורבים האָבען צוגעשמייכעלט — אַוודאי ווילען זיי וויסען.

— הערט — רופט זיך אָן דער רבי — כ'בין היינט ביים דאַוועגען צוגעקומען צו: „אתה יודע רזי עולם, ותעלומות סתרי כל חי", האָב איך מיר גענומען אַריינקוקען אין מיינע „חדרי בטן", און כ'האָב געפונען אַ „פגם".

כ'האָב אָנגעהויבען מאַכען אַ „חשבון־הנפש", כ'בין אַדורך דאָס גאַנצע יאָהר, און נישט געקענט געפונען מיין חטא.

כ'האָב געפּרובט מיר דערמאַנען אַלע מיינע עבירות אַלע הרהורים, אַלע ספק־ספקות, כ'האָב אויף אַלץ תשובה געטוען.

נאָר קוקענדיג אויפ'ן „בית דין של מעלה", האָב איך געזעהן אַז מיט אונז איז נישט אין אָרדענונג.

עפּעס אַ חטא איז דאָ — „מה שיש בכלל, יש בפרט"... ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט: „כל הנסתרות והנגלות אתה יודע", אַלץ ווייסט מען אויבען, מסתם האָב איך עפּעס געזינדיגט, איך האָב מיר נישט געקענט דערמאַנען וואָס.

פאַלט מיר איין אַ געדאַנק:

— אפשר צוליב אייערע חטאים, אפשר האָט ווער פון אייך גע־זינדיגט און וויל נישט תשובה טוען?

כ'האָב אַדורכגעזעהן אַלע יודען פון מיין בית המדרש און איך נישט צוליב זיי.

כ'האָב גענומען זוכען צווישען „כל־ישראל" — און כ'האָב געפונען אויפ'ן וועג, עטליכע מייל פון קאָצק איז פונקט געפאָהרען אַן אַלטער משומד מיט אַ פוהר טעפּ קיין וואַרשא, און ער האָט פערגעסען, אַז היינט איז יום־כפור.

איך האָב איהם געוואָלט דערמאָהנען, אָבער, ווי אַזוי דערמאָהנט מען אַ משומד, אַז היינט איז יום כפור און מ'דאַרף תשובה טוען?

איז געשעהן אַ נס: ס'איז אַראָב אַ גרויסער כליאַפּ-רעגען, דער משומד איז אויסגעווייקט געוואָרען, ער האָט זיך געמוזט בעהאַלטען אונטער'ן וואָגען. ליגענדיג אונטער'ן וואָגען האָט ער גענומען זינגען ביז ער איז צוגעקומען צום ניגון פון „כל-נדרי".

דאָ האָב איך איהם געפּאַקט.

ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז היינט איז יום-כפור, און ער איז אין מיטען וועג...

ליגענדיג אונטער'ן וואָגען, האָט אין איהם אָנגעהויבען וועקען דאָס „פּ[illegible] יוד", ער האָט אָנגעהויבען חרטה האָבען, ס'איז איהם אַריין אַ „הרהור תשובה", ביז ס'איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק:

איבערלאָזען דאָס פערד מיט'ן וועגעלע, און לויפען קיין קאָצק צו „כל-נדרי!"...

האָב איך מיר אויפגעשטעלט, און געהייסען ווייטער דאַווענען. ער לויפט אַצינד אין מיט'ן וועג, ער האָט שוין פערגעסען זיין גויאישקייט, ער איז שוין צוריק אַ יוד, אַ בעל-תשובה.

און איהר ווייסט דאָך: אַז „במקום שבעלי תשובה עומדים — אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד"...

האָב איך אַצינד פאַר איהם מורא.

לאָמיר תשובה טוהן, און נישט מבויש ווערען פאַר'ן גרויסען „בעל תשובה". דער רבי האָט גענומען שפּאַנען איבער'ן שטוב, אַרויף און אַראָב, אַלע מקורבים זענען נשתומם געוואָרען.

דער רבי האָט גענומען קרעכצען, מיר זענען אַלע אַרויס פון רביג'ס שטיבעל, עטליכע זענען אַרויס אויפ'ן וועג זעהן דעם „בעל תשובה". אין דרויסען האָט געגאָסען מיט צעבערס.

מיר זענען אַריין אין בית המדרש, גענומען לערנען. טייל האָבען געזאָגט שיר-היחוד, טייל האָבען געזאָגט תהלים.

מיר האָבען שטאַרק תשובה געטוהן, מיר זענען אָבגעשטאַנען ביז אַרום 12 ביינאַכט.

אין דרויסען איז געווען שטאַרק פינסטער. קיינער איז נישט אַרויס פון בית המדרש, מיר האָבען קיינעם נישט דערצעהלט די מעשה.

אפשר אין אַ שעה אַרום, איז אַריינגעלאָפען אַ פויער אין בית המדרש, נאַס פון קאָפּ ביז די פיס, די חסידים האָבען איהם אָנגעקוקט:

— ווער איז ער, און וואָס וויל ער?

ס'איז געוואָרען אַ טומעל, מיר זענען צו, האָבען מיר איהם דערקענט... ער האָט נישט מעהר אויסגערעדט, ווי די פּאָר ווערטער:

— שוין נאָך כל-נדרי? כ'האָב פערשפּעטיגט!

ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד — און געשטאָרבען!

ס'איז געוואָרען אַ גרויסער רעש, מהאָט מורא געהאַט פאַר אַ בלבול, חסידים זענען אַריין צום רבי'ן דערצעהלען וואָס איז געשעהן.

רופט זיך אָן דער רבי:

— שרעקט אייך נישט, ס'איז אַ יוד אַ „בעל-תשובה". מיר וועלען האָבען אַ גוטען „יום הדין", ער האָט אונז מציל געווען, זיין תשובה האָט געהאָלפען!...

---

מוצאי יום-כפור, האָט מען דעם „בעל-תשובה" קובר געווען צווישען אַלע גרעסטע גוטע יודען, מ'האָט איהם געמאַכט אַ שעהנע לויה, דער רבי אַליין, איז מיטגעגאַנגען אויפן גוטען אָרט, קיין הספד האָט מען איהם נישט געמאַכט.

## כג

# אַ מעסער אויף „ראש-השנה"

צום אַלטען קאָצקער רבי'ן זצ"ל, פלעגט דער חדושי הרי"ם אויף אַלע ראש-השנה ברענגען אַ מתנה אַ מעסער.

איינמאָל איז דער חדושי הרי"ם זצ"ל, פאַר ראש-השנה נישט געזונד געווען, האָט ער געשיקט דאָס מעסער פאַר'ן רבי'ן דורך אַ חסיד.

ווי דער קאָצקער רבי האָט דערהאַלטען דאָס מעסער, האָט ער געטוען אַ געשריי:

— אַז מ'געהט שוין אין אַ „וועלען-זעקיל" ווערט מען שוין אַז דעם „חזקת-חבר"? אָווא, ווא!

דער שליח איז געבליבען שטעהן, ער האָט נישט פערשטאַנען וואָס דער רבי האָט געזאָגט.

— וואָס פערשטעהסטו נישט? — שרייט דער רבי צום חסיד — געדענקסט די גמרא אין פסחים דף ד' עמוד ב': „חזקה על חבר שאיני מוציא מתחת ידו — דבר שאינו מתוקן". (ס'איז אַ חזקה אויף אַ תלמיד חכם אַז ער גיט נישט אַרויס פון זיין האַנד — קיין אום פערענדיגטע זאַך). נו? זאָל איך דאַרפען איבערקלערען אַז דאָס מעסער איז נישט געטובל'ט? פרעג איך דיר.

דער יונגערמאַן איז געבליבען שטעהן אָהן לשון, ער אַליין האָט זיך אויך נישט געגלויבט: אַז דער חדושי הרי"ם זאָל שיקען אַ אום גע-טובל'ט מעסער?

רופט זיך אָן דער קאָצקער רבי זצ״ל:

— דו וואונדערסט זיך אַוודאי — ווּן וואַנען איך דערקען עס? שוטה! איך קען גוט איטשע מאיר׳ן, איך ווייס אַז ער וועט נישט שיקען קיין אום געטובל׳ט מעסער, נאָר איך וועל דיר זאָגן — „עבירה גוררת עבירה״:

— ער האָט אָנגעטהאָן אַ „וואָלען-זעקיל״, האָט ער פאַרגעסען צו טובל׳ן דאָס מעסער!...

דער יונגערמאַן איז אַ גאַנצען ראש השנה אַרום געגאַנגען מבולבל, ער האָט נישט געקענט פאַר שטעהן די גאַנצע מעשה.

נאָך ראָש השנה, איז דער יונגערמאַן אַהיים געפאָהרען, איז ער געקומען צום חדושי הרי״ם, און איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט׳ן רבי׳ן.

דער חדושי הרי״ם האָט אָנגעהויבען לאַכען:

— איך וועל דיר מפורש זיין דעם רבי׳ס ווערטער, וועסטו פאַר שטעהן, וואָס דער רבי האָט דיר געזאָגט:

— צייט איך בין געקומען צו מיין שכל, בין איך נאָך נישט גע־גאַנגען אָנגעטוען קיין „וואָל״ — צוליב׳ן חשש שעטנז: טאָמער האָט דער „שעפּס״ פערמישט זיין וואָל מיט פלאַקס.

אַז איך בין נישט געזונד געוואָרען, כ׳האָב מיך פערקיהלט, האָט אויף מיר מיין מאַמע גוזר געווען בגזרת כבוד, אַז איך זאָל אָנטוען „וואָ־לענע זאָקען״, וואָס זענען בחשש שעטנז לויט די דעה פון מחמירים.

דאָס האָט דער רבי געמיינט מיט זיין. „עבירה גוררת עבירה״, „אַז מ׳טוט שוין אָן אַ „וועלען-זעקיל״, פאַרלירט מען שוין דעם „חזקת־חבר״: פון „אין חבר מוציא, מתחת ידו דבר שאינו מתוקן״!...

— און איך האָב טאָקי געהאַט פאַרגעסען צו טובל׳ן דאָס „מעסער״..

„דאָס הייסט אַנ׳ אָפּען אויג!״

כד

# דער „אלף-בית"

הינטער קאַצק האָט געוואוינט אַ פּאַכטער, אַ גרויסער עם-הארץ. אויף אַלע ראש-השנה און יום-כפּור פלעגט ער קומען קיין קאַצק.

דער ישובֿ'ניק איז געווען זעהר אַנ'עהרליכער, ער האָט געהערט, אַז ערב יום-כפּור איז אַ מצוה צו עסען און טרונקען, האָט ער זיך ערב יום-כפּור גוט אָנגע'שכור'ט אַזוי, אַז ער איז געבליבען ליגען שכור אין אַ סטאָדאָלע צו „כל-נדרי".

אין מיטען די נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ער האָט זיך דער-מאָהנט, אַז ס'איז יום-כפּור, מ'דאַרף דאַווענען „כל-נדרי", קיין מחזור האָט ער ביי זיך נישט געהאַט, און פון אויסענווענדיג האָט ער נישט גע-קענט, האָט ער גענומען שטאַרק וויינען, ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל דאָס יאָהר נישט שטאַרבען דערפאַר...

איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק:

דאָס דאַווענען איז דאָך פון „אלף-בית", וועל איך זאָגען דעם „אלף-בית" אַ סך מאָל, און זאָל גאָט אַליין צוזאַמענשטעלען פון דעם „אלף-בית" — ווערטער, און מאַכען פון זיי אַ „כל-נדרי"...

ער האָט גענומען זאָגען דעם „אלף-בית" אָהן אויפהער.

אַ פּאָר שעה איז ער געשטאַנען אין דער פינסטער און געשריגען מיט'ן גאַנצען כח: אלף, בית, גימל, דלת, הא, ואו, זין, חית, טית, יוד ביז תיו! אַ פּאָר שעה האָט ער אַזוי געשריגען מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה, ביז ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען.

אויף צומאָרגענס, איז ער געגאַנגען אין שוהל אַריין, שטאַרק גע-

זוייגט ביים דאַווענען; ער האָט קיינעם נישט דערצעהלט, וואו ער איז נעכטען ביינאַכט געווען. די פאַמיליע זיינע האָבען איהם איבערגעפרעגט, וואו ער האָט געדאַוונט „כל־נדרי״. האָט ער זיי געענטפערט: ביים רבי׳ן.

נאָך יום כפור, דער דאָרפס־יוד האָט געקויפט אַ׳אתרוג אויף סוכות, איז ער אַריינגעקומען צום רבי׳ן ווייזען זיין אתרוג.

ווי ער איז אַריין צום רבי׳ן, גיט דער רבי אַ געשריי:

— וואו האָסטו געדאַוונט כל־נדרי?

דער יוד איז געבליבען שטעהן שטאַרק דערשראָקען, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. בעזונדער׳ס האָט ער מורא געהאַט פאַר׳ן רבי׳ן, ער זאָל איהם נישט בעשטראָפען פאַר זיין שכרות... האָט ער געשוויגען.

— וואו ביזטו געווען ביי כל־נדרי?—פרעגט שוין דער רבי ווייכער.

דער דאָרפס־יוד נעמט וויינען, און דערצעהלט פאַר׳ן רבי׳ן מיט גרויס הכנעה:

— רבי, איך האָב מיך ערב יום־כפור אָנגעשכור׳ט און כ׳בין אַנט־שלאָפען געוואָרען אין אַ סטאָדאָלע אויפ׳ן היי; אין מיטען דער נאַכט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און זיך דערמאָהנט, אַז ס׳איז יום־כפור, קיין מחזור האָב איך נישט געהאַט און אין שוהל אַריין געהן האָב איך מיר געשעהמט, האָב איך מיר מיישב געווען: כ׳וועל זאָגען דעם „אלף־בית״, סיי ווי זענען דאָך די ווערטער פון „כל־נדרי״ פון „אלף־בית״, זאָל גאָט מאַכען פון די אותיות ווערטער, און זיי צוזאַמענשטעלען אַ „כל־נדרי״.

איך האָב אָנגעהויבען זאָגען כסדר דעם „אלף־בית״, ביז כ׳בין אַנטשלאָפען געוואָרען.

דער רבי האָט אָנגעהויבען שמייכלען:

— האָסט בעסער געדאַוונט פאַר מיר, הלואי וואָלט מען אויבען מיין „כל־נדרי״ אַזוי מקבל געווען, ווי מ׳האָט דיינע „אלף־בית׳ן״ מקבל געווען, זאָרג נישט, געה לשלום און דאַווען ווייטער אַזוי ערליך!

◆◆◆◆◆◆

## כה

# דאָס פלייש איז נישט „אויסגעזאַלצען"

דער קאָזשעניצער מגיד, דערצעהלט דער קאָצקער רבי זצ"ל, איז געוועזן אַ גרויסער אָרימאַן.

איינמאָל זאָגט צו איהם זיין ווייב: ישראליש, פאַהר קיין וואַר־שאַ, אפשר וועסטו ווערען אַ מלמד, מיר וועלען דאָך נישט אויסהאַלטען.

דער קאָזשעניצער „מגיד" פלעגט זיצען יומם ולילה און לערנען, זיין ווייב האָט איהם שטאַרק מצער געווען, ביז ער האָט בעשלאָסען פאָהרען זוכען אַ מלמדות.

זיין ווייב האָט איהם מיטגעגעבען אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט, גע־דונגען אַ בעל־עגלה, זי האָט צוגעזאָגט דעם בעל־עגלה, אליין צוב ע צאָהלען פוהרמאַנקע.

נאָך מיטאָג איז דער „מגיד" ארויסגעפאָהרען פון קאָזשעניץ.

דער „מגיד" איז נאָך נישט געוועזן מפורסם, מ'האָט איהם גע־האַלטען פאַר אַ למדן און אַ גרויסען בטלן.

אויפ'ן וועג האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט, ער איז גע־זעסען פערטיפט אין זיינע רעיונות. אין מיטען וועג האָט דער פוהר־מאַן זיך געשטעלט פאַר אַ קרעטשמע, אלע פאַסאַזשירען זענען אריין אין קרעטשמע, נאָר דער „מגיד" איז געבליבען זיצען, ער האט נישט געהאַט קיין געלט עפּעס צו קויפען זיך.

דער פוהרמאַן איז אריין אין קרעטשמע, געמאַכט אַ כוסה דערנאָך איז ער ארויס צו די פערד זעהען צי זיי עסען.

דערזעהט ער אויף די פוהר זיצען דעם יונגענמאַן, פרעגט ער איהם:

– פאַר וואָס געהסטו נישט אריי אין קרעטשמע?

– כ'האָב קיין געלט נישט. – ענטפערט דער „מגיד".

– קום אַראָב בטלן, סיי ווי ביזטו מיר שולדיג פוהרמאַנקע, וועסט

מיר שולדיק זיין נאָך פאַר אַ וויעטשערע.

דער „מגיד" איז אַראָפּ אין קרעטשמע, געדאַווענט מעריב, דער פוהרמאַן האָט געהייסען די דינסט אַריינגעבען אַ וויעטשערע דעם יונגער־מאַן אויף זיין חשבון.

דער „מגיד" האָט זיך געוואַשען, געגעסען אַ שטיקעל ברויט מיט הערינג, דער פוהרמאַן האָט איהם אַריינגעברענגט אַ גלעזעל בראָנפען, און די דינסט האָט אַריינגעברענגט אַ טעלער לאָקשען.

דער „מגיד" האָט גענומען דעם לעפעל אַריינגעשטעקט אין טע־לער, און גענומען מישען, דער פוהרמאַן איז געזעסען דערנעבען און געגעסען, ס'האָט איהם געצויגען צו דעם יונגענמאַן, זעהט ער ווי דער יונגערמאַן מישט, מישט, זאָגט ער צו איהם: וואָס מישסטו, ס'ווערט דאָך קאַלט דאָס עסען?

— דאַכט מיר — זאָגט דער „מגיד" — אַז דאָס פלייש איז ניט אויסגעזאַלצען.

— דער פוהרמאַן קוקט איהם אָן, ער האָט אָפּילו אין האַרץ געלאַכט פון איהם, נאָר פאָרט זענען איהם די ווערטער אַריין אין קאָפּ; ער איז שנעל אַריין אין קיך, צו, צו די דינסט, און אָנגעהויבען אויף זיין בעל־עגלה'יש לשון: זאָג נאָר דו חצופה, דו ווערסט שוין געהרג'ט, זאָלסט מיר שוין זאָגען דעם אמת, צי דאָס פלייש וואָס דו האָסט געקאָכט די יויך, האָסטו אויסגעזאַלצען, צי ניין?

די דינסט איז געבליבען אָהן לשון.

דער פוהרמאַן האָט איהר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, און גענומען שרייען: איך רייס דיר אויס דעם צאָפּ, זאָג חצופה, איך דערהרג'ע דיר אויף טויט; האָסט אויסגעזאַלצען דאָס פלייש צי ניין?

די דינסט האָט גענומען וויינען און בעטען:

— לאָזט מיר אָפּ ר' משה וועלוועל קרוין, כ'וועל אייך אויס־זאָגען דעם גאַנצען אמת: פאַרנאַכט האָט מיר די בעל הבית'טע גע־הייסען אויסזאַלצען דאָס פלייש, כ'זאָל האָבען פאַר די קאָזשעניצער

פוהרען א יוינג, איך בין געווען זעהר מיעד, כ'שלאף נישט גאנצע נעכט, בין איך אנטשלאפען געוואָרען און פערגעסען אויסצוזאלצען. ארום 11 אזייגער האָב איך מיר אויפגעכאפט, האָב איך מיר דערמאנט אז מ'דאַרף שוין צושטעלען, און דאָס פלייש איז נאָך נישט אויסגעזאלצען האָב איך אָבגעשווענקט דאָס פלייש, און אזוי עס צוגעשטעלט, אום-געזאלצען!

— כ'בעט אייך ר' משה וועלוועל, זאָגט נישט אויס פאר מיין בעל-הבית'טע, זי וועט מיר דערהרג'ענען.

— א חלירע זאָל אויף דיר קומען — גויה! האָט דער פוהרמאן אויסגעלאָזט, און אריין צוריק צום יונגענמאן; ער איז געבליבען שטעהן שטארק צוקאָכט. אָ, טראַכט ער זיך, דער יונגערמאן איז א פויגעל!

ער האָט איהם מודה געווען: אז דאָס פלייש איז נישט געווען אויסגעזאלצען, און באלד אליין אריינגעברענגט א גלאָז טיי דעם יונגענמאן.

ער איז שוין פון איהם נישט אָבגעטרעטען, ביז ער האָט אָבגעגעסען. ער האָט שוין גענומען אנדערש קוקען אויפ'ן יונגענמאן.

נאָכ'ן עסען, זענען אלע צוריק ארויף אויף די פוהר, דער פוהר-מאן האט פאר קיינעם די מעשה נישט דערצעהלט. נאָר א גאנצען וועג געטראַכט פון איהם.

צומאָרגענ'ס זענען זיי געקומען קיין ווארשאָ, דער „מגיד" איז אוועק אין א „בית-המדרש" אריין.

ער האָט דאָרט אָבגעדאווענט, געזעצט זיך לערנען, אזוי איז ער א גאנצען טאָג געזעסען און געלערענט ער איז צו קיינעם נישט צוגעגאנגען פרעגען: צי מ'דארף א מלמד.

— אז גאָט וועט וועלען, האָט ער זיך געטראַכט, אז איך זאָל ווערען א מלמד, וועט מען קומען מיר זוכען אין „בית-המדרש" אריין.

ער איז אזוי אָבגעזעסען א גאנצען טאָג אין בית-המדרש און געלערנט, פארנאַכט איז ער ארויס צו דעם זעלבען פוהרמאן, און איהם געזאָגט: איך פאָהר צוריק אהיים.

— וואו ביזט דו געווען, פרעגט איהם דער פוהרמאַן.

— אין „בית המדרש".

— וואָס האָסטו געטוען, האָסט וועמען געפרעגט צי מ'דאַרף א מלמד?

— ניין, נאך וואס דארף איך פרעגען, אז מ'זאל מיר דארפען, וואלט מען מיר געזוכט...

דער פוהרמאַן האט איהם שוין מעהר נישט איבערגעפרעגט. ער האט זיך דערמאַנט אין נעכטיגע לאַקשען.

דער „מגיד" איז ארויף אויף די פוהר, פרעגט איהם דער פוהרמאַן:

— האסט עפּעס געגעסען א גאנצען טאג?

— כ'האב מיט געהאט א שטיקעל ברויט, האָב איך געגעסען. — ענטפערט דער „מגיד".

דער פוהרמאַן האָט גענומען לאַכען: א שיינע סעודה האָסטו הייגט געהאט. ער האָט איהם נישט אָבגעלאָזט, איהם אריינגענומען אין א רעסטאָראַציע, געהייסען איהם געבען א מיטאָג.

— סיי ווי,—זאָגט דער פוהרמאַן—קומט מיר שוין אזוי פיל, וועט מיר קומען נאָך א פּאָר גילדען.

דער „מגיד" האָט אָבגעגעסען, זענען זיי ארויסגעגאנגען צו די פוהר אהיים צו פאָהרען.

אויפ'ן וועג בעטראַכט זיך דער פוהרמאַן:

— דאס איז נישט קיין פּראסטער יונגערמאַן דער ישראליש, מען דארף איהם אונטערהאלטען. איך וועל איהם געבען 8 גילדען א וואך וועט ער האבען געגוג. איהם וועל איך גארנישט זאגען, אפשר וועט ער נישט וועלען נעמען, זיין ווייב וועל איך געבען, וועט זי האבען אויף פּרנסה. „אז גאט גיט אזוי פיל" — טראַכט זיך משה וועלוויל—וועט ער די 8 גילדען א וואך, אויך מוזען געבען".

זיי זענען אהיימגעקומען קיין קאזשעניץ, דער „מגיד" איז אריין צו זיך אין שטוב, געמט זיין ווייב שרייען: — שלימזל וואס ביסטו שוין דא צוריק? וואס האסטו געמאכט אין ווארשא?

— וואָס זאָל איך מאַכען, האָסט מיר געהייסען פאָהרען קיין ווארשא, זוכען אַ מלמדות, בין איך געוועזען אין ווארשא, געזעסען אַ גאַנצען טאָג אין בית-המדרש, און קיינער איז צו מיר נישט געקומען פרעגען, צי איך וויל ווערען אַ מלמד?

— אין דו האָסט קיינעם נישט געפרעגט?

— נאָך וואָס דארף איך פרעגען, גאָט ווייסט דאָך, אַז איך וויל ווערען אַ מלמד; נו, ווען גאָט זאָל וועלען איך זאָל זיין אַ מלמד, וואָלט מען מיך שוין געזוכט.

זיין ווייב האָט גענומען שרייען, און שעלטען. דערווייל איז אָנגעקומען דער פוהרמאַן, דאָס ווייב האָט געמיינט אַז ער איז געקומען מאָהנען פוהרמאַנקע, האָט זי נאָך מעהר גענומען שרייען און שעלטען.

דער פוהרמאַן האָט איהר אַרויסגערופען פון שטוב, איהר איבערגעגעבען 8 גילדען, און צוגעזאָגט: אַלע וואָך וועסטו קריגען 8 גילדען, וואָלסט דיין מאַן נישט טשעפּען וועגען פרנסה.

זי האָט צוגענומען די 8 גילדען, און דעם „מגיד" צורוה געלאָזט, ער איז געזעסען און געלערענט, און זי האָט איהם נישט געטשעפּעט אויף קיין פרנסה.

דער פוהרמאַן האָט זיך אַזוי געפיהרט אַ צייט.

---

דערווייל איז דער קאָזשעניצער „מגיד" געוואָרען מפורסם, ער האָט שוין געהאַט פרנסה. אין דער פוהרמאַן איז אויף דער עלטער געוואָרען אַן אָרימאַן; ער איז געוואָרען אויס פוהרמאַן, האָט איהם דער „מגיד" געשטיצט אַ צייט מיט יאָהרען.

ס'איז אַדורך אַ צייט, דער פוהרמאַן איז שטאַרק קראַנק געוואָרען, איז צו איהם געקומען דער „מגיד" מבקר חולה זיין; האָט דער „מגיד" געזעהן, אַז ער געהט שטאַרבען, האָט ער איהם מיטגעגעבען אַ בריף אויף „יענער וועלט" און איהם אָנגעזאָגט:

— האָלט זיך נישט לאָזען אויסנאַרען דעם בריף...

דער פוהרמאַן איז געשטאָרבען, דער „מגיד" האָט איהם „מלווה" געווען.

ס'איז אַדורך אַ צייט; איינמאָל הושענא-רבה איז דער „מגיד" נישט אַריינגעקומען דאַווענען. מ'האָט אויף איהם געוואַרט כמעט אַ גאַנצען טאָג.

פאַרנאַכט, אַז מ'האָט געזעהן, אז דער „מגיד" קומט נישט אַריין, איז דער משמש אַריינגעגאַנגען איבערפרעגען, האָט דער „מגיד" געהייסען דאַווענען אָהן איהם.

ביינאַכט האָט מען דעם „מגיד" איבערגעפרעגט: פאַר וואָס זענט איהר נישט אַריינגעקומען דאַווענען? האָט ער געענטפערט: כ'האָב אַרומגעזוכט מיין „פוהרמאַן". איך האָב איהם געזוכט אין „גן עדן", אין „גיהנם", אומעטום איז ער נישט געווען; כ'האָב איהם קוים געפונען אין „כף הקלע", מ'האָט ביי איהם געהאַט אויסגענאַרט מיין בריף. מיט גרויס מיה האָב איך איהם אַרויסגעשלעפט.

יעצט געהט ער שוין אין „גן עדן" אַריין!

אַ שווער שטיקעל אַרבייט האָב איך היינט געהאַט! כ'האָב מיר אויף איהם נישט געריכט, ער זאָל זיך לאָזען אויסנאַרען מיין בריף!...

## כו

# אַ גלגול אין אַ „זשאַבע"

דער „יוד" הקדוש איז אמאָל ארויסגעגאנגען שפאצירען מיט'ן אלטען קאָצקער רבי'ן זצ"ל אין וואלד אריין.

אריינגעהעדיג טיף אין וואלד, האָבען זיי אָנגעטראָפען א קאלוזשע. האָט דער „יוד" הקדוש דערזעהן א זשאבע ארומשפרונגען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נאָכקוקען די זשאבע.

פרעגט איהם דער קאָצקער רבי: וואָס זעהט איהר אויף די זשאבע?

— כ'האָב דערזעהן אין די זשאבע א גלגול פון אנ'אלטען בעל-עבירה.

— ווער איז ער געווען?

— דער זעלבער איז אמאָל געווען א וואויל-לערנער, ער האָט

געוואוינט אויף א דאָרף, איז דאָרט געווען א גרויסע שריפה, איז ער אָב-געברענט געוואָרען.

נישט האָבענדיג קיין דירה, איז ער אריין וואוינען צו א גוי אין שטוב, איינמאָל זענען אלע פון שטוב אוועק אין שטאָט, און ער איז איבערגעבליבען אליין מיט די גויה; האָט איהם דער יצר-הרע אָנגע-רעדט, ער האָט נישט געקענט ביישטעהן קיין נסיון, און ער האָט געטוען אנ׳„עבירה״.

און „עבירה גוררת עבירה״, איז דער סוף געווען — ער האָט זיך גע׳שמד׳ט ר״ל.

און אצינד נאָכן טויט, איז ער מגולגל געוואָרען אין די „זשאבע״.

* * *

זיי האָבען צווישען זיך מעהר נישט גערעדט; נאָר שטיל געגאַנגען איינער נעבען צווייטען. עטליכע יונגעלייט זענען זיי נאָכגעגאַנגען.

אַזוי האָבען זיי שפּאַצירט אַ צייט; צוריקוועגס זענען זיי פאַרביי-געגאַנגען פאַר די זעלבע קָלוזשע.

צוקומענדיג צום אָרט וואו די זשאַבע איז פריהער געשפּרונגען, האָט זיך דער „יוד״ הקדוש אָבגעשטעלט, און געקוקט אויפ׳ן אָרט פון וואַנען די זשאַבע איז פריהער אַרויס.

רופט זיך אָן דער קאָצקער רבי זצ״ל:

— ס׳ווילט זיך אייך נאָכאַמאָל זעהן דעם בעל-עבירה?

דער „יוד״ הקדוש האָט געשמייכעלט.

די זשאַבע איז ווייטער אַרויס, און אָנגעהויבען אַרומשפּרונגען נע-בען זיי.

רופט זיך אָן דער „יוד״ הקדוש:

— מ׳דאַרף געפונען אַ „תיקון״ פאַר איהם.

— אדרבא, לאָמיר זעהן, ענטפערט איהם דער קאָצקער רבי זצ״ל.

— קום וועלען מיר דאָ איבערלערנען די גמרא פון: „הבא על הכותית״. זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן גראָז, און גענומען לערנען פון אויסענווייניג די גמרא.

די „זשאַבע" איז נישט אָבגעטרעטען פון זיי; כסדר אַרומגעשפרונ־גען נעבען „יוד" הקדוש, ס'האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט גערעדט: האָט אויף מיר רחמנות, גיט מיר אַ תיקון!

די יונגעלייט האָבען זיך אָוועקגעשטעלט פון דערווייטענס זעהן, וואָס וועט זיין דער סוף.

דער „יוד" הקדוש האָט זיך שטאַרק צוקאָכט ביי די גמרא, רעבי קאָצקער זצ"ל האָט איהם איבערגעשטערט, ס'האָט אָבגעדויערט אַ שעה אפשר מעהר.

די „זשאַבע" איז אַלץ אַרומגעשפרונגען נעבען זיי, זי האָט נישט געוואָלט אָבטרעטען.

דער „יוד" הקדוש האָט דערמאָנט די גמרא אין „עירובין" דף י"ט עמוד א': „ישראל שבא על הכותית, משכה ערלתו", (אַז אַ יוד טוט אַן עבירה מיט אַן ערלית, ווערט ער צוריק אַן ערל), און אברהם אבינו וויל איהם נישט אריינלאָזען אין „גן־עדן"...

רופט זיך אָן דער „קאָצקער" זצ"ל: זאָל ער אריין אין גיהנום! דער „יוד" הקדוש האָט איהם געוואָלט אַ טובה טוען; „ער טוט אפילו תשובה" — האָט געזאָגט דער „יוד"; אָבער ס'איז אַצינד זעהר שווער מיט איהם!

זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט, און שוין געוואָלט אַהיימגעהן.

די „זשאַבע" האָט נישט געוואָלט אָבטרעטען פון זיי; רופט זיך אָן דער „יוד" הקדוש:

— געה צוריק אין וואַסער אריין! — האָסט שוין אַ תיקון! האָסט געהערט וואָס „מענדעל" האָט געזאָגט? — געה אין גיהנום אריין!"

די „זשאַבע" איז אָבגעטרעטען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט...

זיי זענען צוריקגעגאנגען אַהיים. אויפ'ן וועג האָבען זיי צווישען זיך גאָרנישט גערעדט.

צו קומענדיג צום בית המדרש, רופט זיך אָן דער „יוד" הקדוש: אַלץ צוליב דיר „מענדל", ווען נישט דו — וואָלט איך איהם אריינגע־שטופט אין „גן־עדן"!

— ס׳מאַכט נישט אויס, האָט געשמייכעלט דער „קאָצקער״ זצ״ל — ער איז ווערט גיהנום״!...

# כז

## דער „נסתר״

דער חדושי הרי״ם, האָט נאָכדערצעהלט די מעשה פון אַלטען „קאָצקער״ רבי׳ן זצ״ל:

— איינמאָל — הייבט אָן דער „קאָצקער״ רבי זצ״ל — איז אין קראָקע נפטר געוואָרען אַ רב אַ גרויסער צדיק.

פאַר די פּטירה האָט דער רב אָנגעזאָגט די דאָזאָרעס אַ צוואה:

— אז מ׳זאָל אויף זיין אָרט אויסזוכען אין שטאָט אַ יוד מיט׳ן נאָמען: „אברהם יצחק ב״ר משה יעקב הלוי״, און איהם זאָל מען מאַכען פאַר רב אין קראָקע.

נאָך שלשים האָבען די דאָזאָרעס גענומען אַרומזוכען אין שטאָדט אַזאַ נאָמען, און נישט געקענט געפונען; ביז מ׳איז דערגאַנגען: אַז היני־טער קראָקע אין אַ מיהל ארבייט אַ יוד, אַ פּראָסטער ארבייטער, וואָס הייסט פּונקט דעם נאָמען.

מ׳איז אוועק אין מיהל אריין, זיך נאָכגעפרעגט ביים אייגענטימער פון מיהל: וואָס פאַר אַ יוד איז דער ארבייטער, צי קען ער לערנען, צי איז ער אַ פרומער?

דער אייגענטימער האָט דערצעהלט:

— דער יוד איז שוין ביי מיר צוועלף יאָהר, קיין למדן איז ער נישט, נאָר אַ פרומער איז ער יאָ: ער דאַווענט זעהר פרום, זאָגט תהלים רעדט נישט קיין סך, שבת לייענט ער דעם „מנורת־המאור״, וויטער זעה איך נישט פון איהם קיין שום אויסערגעוועהנליכעס.

די דאָזאָרעס זענען צוגעגאַנגען צו דעם יוד, און איהם דערצעהלט,

וואָס דער אלטער רב האָט פאר זיין פטירה אָנגעזאָגט.

רופט זיך אָן דער יוד: מילא אז איהר ווילט דוקא, וועל איך מיט אייך מיטגעהן; קיין שאלות פסק'ענען קען איך נישט.

זיי האָבען איהם מיט גענומען קיין קראָקע, איהם אָבגעגעבען דעם רב'ס דירות, מיט די ספרים; און צוגענומען א מורה-הוראה וואָס זאָל פסק'נען שאלות.

דער נייער „רב" האָט זיך ווייטער געפיהרט—ווי ער האָט זיך גע-פיהרט אין מיהל: געדאַוונט פרום, נישט גערעדט קיין סך, מעהר האָט מען פון איהם נישט געזעהן.

דערווייל איז אין קראָקע ארויס א גזירה:

„מ'זאָל פערברענען גאנץ ש"ס". מ'האָט אין קראָקע גוזר-תענית געווען, מ'האָט צושיקט שלוחים צו די גרעסטע גדולי ישראל, אלע קראָ-קעווער יודען זענען ארומגעגאנגען שטארק נידערגעשלאָגען.

אין די זעלבע צייט, איז דער „רב" נעלם געוואָרען, מ'האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אהין געקומען. מ'האָט איהם ארומגעזוכט, און נישט געקענט געפונען. איין דאָזאר איז איינגעפאלען: אפשר איז ער אין מיהל?

מ'איז אראָבגעפאָהרען אין מיהל אריין, און איהם געטראָפען אר-בייטען, ביי די זעלבע ארבייט ווי פריהער.

די דאָזאָרעס זענען שטארק מבויש געוואָרען.

זיי זענען צו צום „רב" מיט טענות, און געשריי'ען:

— וואָס פאַרדרעהט איהר אונז דעם קאָפּ, ווילט איהר נישט זיין קיין רב, נאָך וואָס האָט איהר זיך אונטערגענומען?

זיי האָבען אויף איהם אזור געווען א „חרם", ער זאָל זיי זאָגען דעם אמת: צי קען ער זיין „רב", צי ניין?

דער „רב" האָט זיי געענטפערט — אז יאָ!

נאָר ער איז א „נסתר", ער האָט ביז היינט נישט געטאָרט „נתגלה" ווערען.

— פאר וואָס זענט איהר אוועק פון שטאָט אין אזא צייט?

— כ'האָב געזעהן ברוח-הקודש, אז די גזירה וועט אנדערש נישט

בטל ווערען, סיידען ס׳וועלען זיך געפונען דריי יודען, וואס זאלען קענען גאנץ ש״ס בעל-פה. און איך בין איינער פון די דריי, האב איך מיר גע־נומען ווערען... איך ... שטערט שטעדט שטערט מען מיר, און דא ביי די אהביית שטערט מיר קיינער נישט.

— פאר וואס ווערט נישט קענען חל זיין די גזירה, ווען דריי יו־דען וועלען קענען ש״ס? — פרעגען די דאזאַרעס.

— כ׳האב געלייענט אין „מנורת-המאור״, אז אין גאט׳ס תפילין, שטעהט געשריבען: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״, און וואס איז דער „יחוס״ מיט די יודען וואס זיי שטעהן אין גאט׳ס תפילין? ווייל זיי היטען אפ די תורה.

און די תורה קען מען דאך נישט אבהיטען—אהן גמרא, אז מ׳זאל ח׳ו פערברענען „ש״ס״, וועלען די יודען נישט קענען מקיים זיין די תורה, וועלען זיי ווערען אויס „יחסנים״, ווערט דאך ח״ו גאטס תפילין פסול ווערען!

אבער—פיהרט אויס דער „רב״—אז דריי יודען וועלען קענען ש״ס „בעל-פה״, ווערט דאך ווייטער בלייבען די „גמרא״, וועלען „יודען״ ווייטער קענען מקיים זיין די „תורה-שבכתב״, מיט די „תורה שבבעל-פה״. ווערט שוין גאטס תפילין נישט פסול ווערען; ממילא ווערט נישט העלפען זייער פערברענען — ווייל מ׳קען דאך ש״ס פון אויסענווענינ — „מוז דאך די גזירה בטל ווערען!...

„און די גזירה איז טאקי בטל געווארען״, האט אויסגעפיהרט דער קאצקער רבי זצ״ל.

---

## כח

# דעם „יוד׳ס״ קינדער

דער קאצקער רבי זצ״ל, האט דערצהלט, ווי אזוי ס׳זענען „נתגלה״ גע־ווארען דעם „יוד׳ס״ קינדער:

— דער רבי פון לובלין פלעגט זיך פיהרען, אז צווישען רש״י׳ס און רבינו-תם׳ס תפילין, פלעגט ער שמועסען חסידות.

איינמאָל האָט זיך דעם „יוד׳ס" א חסיד, בעהאַלטען ביים רבי׳ן פון לובלין אין שטוב, אונטער די מלבושים, ער האָט געוואָלט הערען וועגען וואָס מ׳שמועסט דאָרט.

בשעת׳ן שמועס, האָט זיך איינער אָנגערופען: אז דער „יוד" איז „מקיל בכבודו פון רבי׳ן פון לובלין".

(א רכילות אָבגעטראָגען) האָט דעם „יוד׳ס" חסיד, נישט געקענט זיך איינהאַלטען, הערענדיג רעדען אויף זיין רבי׳ן לשון-הרע; איז ער ארויס פון זיין בעהעלטעניש, צו צום טיש, געכאַפּט א פּאָר תפילין, און אָבגעשוואוירען: „אז דאָס וואָס מ׳האָט דאָ דערצעהלט אויפן „יוד" איז „שקר גמור!"

נאָך די מעשה, האָט דער „יוד" הקדוש געטראָפען דעם חסיד זיינעם, האָט ער זיך מיט איהם דערפונ ע זט, און איהם אַזוי געזאָגט: „דו האָסט מציל געוועזען מיט דיין שבועה — מיר מיט׳ן רבי׳ן (פון לובלין) פון א עונש פון ביידע וועלטען"...

— אין זאָג וואָס ווילסטו דערפאַר: „עשירות", „גוטע קינדער", אָדער „אריכות-ימים"?

— רבי איך וויל אַלע דריי! — האָט אויסגעשריגען דער חסיד.

— קריגסט! — האָט איהם צוגעזאָגט דער „יוד"-הקדוש מיט שמחה.

* * *

דער זעלבער חסיד איז דערנאָך געוואָרען א גרויסער „עושר", געהאַט „גוטע קינדער", און געהאַט „אריכות-ימים".

נאָכ׳ן „יוד"-הקדוש׳ס פטירה, האָבען זיינע זיהן גענומען אָבריכטען „גלות".

איינמאָל זענען דעם „יוד׳ס" קינדער געבליבען שבת אין דער זעלבער שטאָדט וואו דער חסיד האָט געוואוינט.

פרייסאָגצונאַכט׳ס האָט זיי קיינער נישט גענומען פאַר קיין אורחים. זענען זיי געבליבען אין בית-המדרש; ווען אַלע מענשען זענען אוועק, האָבען זיי זיך אויסגעוואַשען, גענומען מקבל-שבת זיין מיט

גרויס התלהבות, דערנאך האבען זיי זיך גענומען מכינ'ן צום קידוש איבער 2 קליינע חלה'לעך. אין מיטען שלום-עליכם, הערען זיי ווי מ'קלאפט ביי די טיהר, איז איינער ארויס עפענען, און פרעגט: ווער קלאפט?

ענטפערט מען איהם: עפענט אויף דעם „יוד'ס" קינדער ירחמיאל, און ר' נחמיה'לע.

זיי האבען זיך דערשראקען: פון וואנען ווייסט מען דא ווער זיי זענען, און ווי זיי הייסען?

זיי האבען געעפענט, און ס'איז אריינגעקומען אן אלטער יוד, זעהר א שעהנער, פרעגען זיי איהם: פונוואנען ווייסט איהר, ווער מיר זענען?

— אייער טאטע איז געווען ביי מיר דריי מאל, און מיר נישט געלאזט שלאפען, כ'זאל שוין צו אייך געהן אין בית-המדרש אריין, אייך היטען צו מיר אויף שבת. זיי זענען נשתומם געווארען.

זיי האבען גענומען דעם יוד אויספרעגען: ווער ער איז, און צי ער האט געקענט זייער טאטען.

דער חסיד האט זיי דערצעהלט די גאנצע מעשה און צוגעגעבען: איך האב שוין געהאלטען אין מיטען שלאף, איז צו מיר געקומען אייער טאטער דריי מאל, און מיך אויפגעוועקט: איך האב דיר געגעבען „עשירות" האט ער צו מיר געשריבען, און מיינע קינדער זענען ביי דיר אין שטאט, זאלען זיי שבת הונגערן?...

בין איך א צינד געקומען אייך בעטען צו מיר אויף שבת! זיי זענען מיט איהם מיטגעגאנגען, ער האט זיי מקבל געווען בסבר פנים יפות, ער האט זיי געגעבען פון בעסטען, וואס ער האט געהאט. זיי האבען ביי איהם געהאט, זעהר א פרעהליכען גוטען שבת.

נאך דעם שבת האבען זיי זיך מיישב געווען: אז דער „טאטע" האט אונז „נתגלה" געמאכט, איז שוין צייט „נתגלה" צו ווערען. און זיי האבען אנגעהויבען פיהרען — גרויס! האט אויסגעפיהרט, דער אלטער קאצקער ראבי זצ"ל.

## כט

# דעם „קאָזאַק׳ס״ תפילין

אין די פּאָווסטאַניע, האָט געריטען אַ קאָזאַקער אָפיציר קיין קאָצק. אויפ׳ן וועג האָט ער בעדאַרפט נקיות, איז ער אַראָב פון פערד אויסגעטוען זיין בייגאַרטעל מיט אַ סך געלד, און אויפגעהאָנגען איהם אויף אַ בוים. נאָך דעם, האָט ער פאַרגעסען אָנצוטוען דעם בייגאַרטעל, און איז אוועקגעריטען.

נאָך איהם, איז אָנגעגאַנגען אַ חסיד קיין קאָצק, ער האָט זיך אויך פונקט אָבגעשטעלט ביי דעם זעלבען בוים, און דערזעהן דעם בייגאַרטעל, האָט ער איהם צוגענומען, ער האָט דאָרט געפונען אַ סך געלד

דער קאָזאַק איז געקומען קיין קאָצק, האָט ער זיך איין אַ פּאָר שעה אַרום דערמאָנט אין בייגאַרטעל, ער איז שנעל צוריק געריטען, אָבער ער האָט איהם שוין נישט געפונען.

דער קאָזאַק איז אַריינגעריטען קיין קאָצק, געמאַכט אַ טומעל, ער האָט אַלע יודען געוואָלט אויסהרג׳ענען, מ׳זאָל איהם אָבגעבען זיין בייגאַרטעל.

האָט איהם אַ קאָצקער יוד אַנ׳עצה געגעבען: ער זאָל אַריינגעהן צום רבי׳ן, אַזוי ווי צום רבי׳ן קומען אַ סך חסידים, זאָל דער רבי גוזר זיין אויף זיינע חסידים, אפשר האָט ווער גענומען דעם בייגאַרטעל, זאָל דער רבי הייסען אָבגעבען.

דער קאָזאַק איז געקומען צום רבינ׳ס בית המדרש. דער רבי, איז דאַמאָלסט שוין געווען „פאַרשלאָסען״; מ׳האָט דעם קאָזאַק נישט געוואָלט צולאָזען צום רבי׳ן, ער האָט געוואָלט שלאָגען, מ׳האָט איהם אַריינגעפיהרט צום רבי׳ן, איינער האָט דעם רבי׳ן איבערגעזעצט, וואָס ער וויל; האָט דער רבי איהם געענטפערט: „איך ווייס נישט

וועך ס'האָט געגומען דיין בייגאָרטעל!"

דער „קאָזאַצקער אָפיציר" איז שטאַרק נתפעל געוואָרען פון „קאָצ-קער" רבינ'ס פנים, ער האָט גענומען דעם רבי'ן בעטען: „ס'איז נישט מיין געלד, איך דאַרף דאָס געלד אָבגעבען, איך וויל אַ ברכה פון רבי'ן, איך זאָל קענען צוריק אָבגעבען דאָס געלד".

דער רבי האָט איהם צוגעוואונשען, ער זאָל פאַרדינען.

כך הוה. דער קאָזאַק איז אוועק פון קאָצק, און אויפ'ן וועג האָט ער פערדינט אַ סך געלד, מעהר וויפיעל ער האָט פערלוירען;

אין אַ פאָר וואָכען אַרום, איז ער צוריקגעקומען קיין קאָצק, און געוואָלט דעם רבי'ן געבען אַ מתנה – געלד.

דער רבי האָט נישט געוואָלט נעמען. דער קאָזאַק האָט איהם דוקא יאָ געוואָלט געבען, ער האָט דעם רבי'ן געוואָלט מיט עפּעס מתנה זיין.

האָט ער זיך נאָך געפרעגט ביי חסידים: וואָס זאָל ער קויפען דעם רבי'ן אַ מתנה, אז דער רבי זאָל איהם געדענקען?

האָט איהם אַ חסיד אַן עצה געגעבען: ער זאָל בעשטעלען אַ פּאָר תפילין פאַר'ן רבי'ן, וועט דער רבי אין זיי דאַווענען. מ'האָט דעם „קאָזאַק" אוועקגעפיהרט צו אַ סופר, ער האָט בעשטעלט אַ פאָר גרויסע תפילין, ער האָט פאַר זיי בעצאָהלט 25 רובל.

דער סופר האָט געמאַכט אַזעלכע גרויסע תפילין, אז ס'איז אומ-מעגליך געווען אין זיי צו דאַווענען.

דער „קאָזאַק" האָט אָבגענומען די תפילין פון סופר און איבער-געלאָזט זיי ביים רבי'ן.

מ'האָט ביי איהם די תפילין צוגענומען, קיינער האָט אין זיי נישט געדאַווענט.

---

די תפילין געפונען זיך נאָך עד-היום ביים „קאָצקער" רבי'נס אייניקלעך.

✦✦✦✦✦

ל

# „על כרחך אתה נוצר"

צום קאַצקער רבי'ן איז געקומען אַ דאָרפ'ס-ייד מיט 2 יונגלעך, דער פאָטער איז געווען אַן עם-הארץ, די יונגלעך האָט ער געהאַלטען ביי אַ מלמד.

רופט זיך אָן דער פאָטער צום רבי'ן:

— רבי-לעבען, וואָס מאַכט מען מיט מיינע 2 חברה-לייט?

— וואָס ווילסטו פון זיי מאַכען?

— אַ לייט — ענטפערט דער פאָטער.

— ווילסט זיי מאַכען פאַר בעלי-מלאכות, צי פאַר מלמדים?

— כ'ווייס אַליין נישט. וואָס זאָגט איהר רבי?

דער רבי האָט אָנגעקוקט די יונגלעך, איינער האָט אויסגעזעהן אַן'איידעלער, און דער 2-טער האָט אויסגעזעהן ווי דער פאָטער. רופט זיך אָן דער רבי צום איידעלערען:

— ווי הייסטו?

— שמשון.

— און ווי הייסטו?

— אלימלך.

— פונקט פערקעהרטע נעמען זאָגט דער רבי: דער איז אַן'איידעלער, הייסט ער „שמשון", און דער איז אַ גראָבערער, הייסט ער „אלימלך"

דער רבי האָט זיך פערקלערט, און פרעגט דעם פאָטער:

— נאָך וועמען האָסטו זיי אַ נאָמען געגעבען?

— איינעם נאָך מיין טאַטען און איינעם נאָך איהר טאַטען.

— דיין טאַטע האָט געקענט לערנען?

— אַ ביסעל, אַ שטיקעל חומש און אַ קאַפּיטעל תהלים.

— און איהר טאַטע?

— נאָך ווינציגער.

— ווער איז דער עלטערער?

— שמשון.

— זאָלסטו שמשונען לאָזען לערנען, און אלימלך וועט זיין אַ בעל-מלאכה.

דער פאָטער האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן, רופט איהם צוריק דער רבי: און דו ווילסט ווערען אַ בעל-מלאכה, ווענדעט זיך דער רבי צום יונגערען.

— רבי איך וויל לערנען, האָט דער קלענערער גענומען וויינען.

— וואָס לערנסטו? האָט דער רבי אַ געשריי געטוען.

— המפקיד.

— און דו, האָט זיך דער רבי געווענדעט צום עלטערען.

— איך לערען חולין, הכל שוחטין.

דער רבי האָט זיי נאָך אַמאָל אָנגעקוקט, און גענומען שפּאַנען איבער די שטוב, אַרויף און אַראָב.

דער פאָטער איז געשטאַנען צושראָקען, ער האָט שוין געוואָלט הערען וואָס דאָ וועט זיין דער סוף.

דערווייל האָט דער יונגערער געטשעפּעט דעם עלטערן, זיי האָבען זיך צוגעבערגערופען: גוי, פּויער.

דער רבי האָט דערהערט, רופט זיך אָן דער רבי: ווער האָט גע-זאָגט — גוי?

ביידע שווייגען.

דער רבי קוקט אויף זיי, און פרעגט נאך א מאהל:

— ווער וועמען האָט גערופען — גוי?

דער קלענערער איז געוואָרען רויט, און אַרויסגעוויינט:

— רבי, ער דער פויער רופט מיר שטענדיג גוי.

דער פאָטער האָט זיך פאַרשעמט, די חברה זענען געשטאַנען אויך

איינער דעם צווייטען צו דערהרג'נען.

דער רבי האָט אָוועקגערופען דעם עלטערען, און פרעגט איהם שטילערהייט: מעג מען רופען א יוד — גוי?

דער בחור שווייגט.

דער רבי פרובט זיי איבערבעטען, און שטראָפט זיי:

— מ'טאָר נישט איבערופען איינער דעם צווייטען, אַ בחור וואָס לערנט שוין הכל-שוחטין, טאָר נישט איבער רופען אַ ברודער; און דו אויך אַזאַ בחור ווי דו טאָר אַ ברודער נישט איבער רופען.

דער רבי האָט זיי ביידע 2 לייכטע פעטשלעך געגעבען, און גע־זאָגט דעם פאָטער:

— פאָהר אַהיים, און מאַך דעם יונגערען פאַר א בעל-מלאכה. דער פאָטער האָט זיך געזעגנט, און איז מיט זיי אהיים געפאָהרען.

---

ס'איז א דורך א צייט, די צוויי יונגלעך זענען עלטער געוואָרען, דער עלטערער איז געזעסען און געלערנט, און דער יונגערער איז גע־וואָרען א קאָוואַל.

זיי האָבען ביידע חתונה געהאַט, געהאַט קינדער. איינמאָהל זענען ביידע ברידער געקומען צום רבי'ן קיין קאָצק. דער עלטערער איז גע־ווען א מלמד, אב'אביון; דער יונגערער איז געווען א קאָוואַל, געהאַט פרנסה.

זיי זענען ביידע צוזאַמען אריין צום רבי'ן, דער רבי האָט זיי דערקענט.

פרעגט זיי דער רבי: נו וואָס מאַכט עך?

— נישקשה, ענטפערט דער יונגערער, איך בין געוואָרען רבי, א קאָוואַל, און דאנקען גאָט כ'האָב אויף דער הוצאה, קיין נגיד בין איך נישט.

— און דו, פרעגט דער רבי דעם עלטערען.

— איך, רבי, בין א מלמד, כ'האָב ווייניג פון מלמדות, די בעל־הבתים צאָהלען ווייניג, און ווילען נישט בעצאָהלען.

— נו ביזט צופרידען פון דיין מלמדות?

— ניין רבי, כ'וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַ רב.

— און דו ביזט צופרידען פון דיין שמידעריי?

— יאָ רבי, הלואי וויטער נישט ערגער, מיין ווייב איז א בריה, קאָכט מיר עסען צו די צייט, כ׳האָב שוין ב״ה עטליכע קינדערלעך, און כ׳זינדיג נישט.

דער רבי האָט גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָב, די 2 ברידער זענען געשטאַנען אָבגערוקט איינער פון צווייטען.

דער רבי האָט זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט צום עלטערען:

— שמשון, געדענקסט דעם פּרק: „ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך, שעל כרחך אתה נוצר, ועל כרחך אתה נולד, ועל כרחך אתה חי, ועל כרחך אתה מת, ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״!... (ס׳זאָל דיר נישט אי-בעררעדען דער יצר-הרע, און זאָגען דיר: אַז דער גרוב איז אַנ׳אָרט וואו מ׳קען זיך בעהאַלטען, וואָרום נישט מיט דיין ווילען ביזטו בע-שאַפען געוואָרען, נישט מיט דיין ווילען ביזטו געבוירען געוואָרען, נישט מיט דיין ווילען לעבסטו, נישט מיט דיין ווילען שטאַרבסטו, און נישט מיט דיין ווילען וועסטו מוזען אָבגעבען דין וחשבון פאַר הקב״ה פאַר אַלע דיינע מעשים!...).

ס׳איז אַ פערפאַלענע זאַך שמשון, מיר קענען זיך גאָרנישט העל-פען, אַלץ איז „בעל כרחך״, זיי אַ „חכם״ און וויל נישט!

געדענקסט קליינערהייט, ווען אייער טאַטע האָט אייך ביידע גע-בּרענגט צו מיר, וואָס האָב איך אויף אייך געזאָגט?

— דו וועסט זיין אַ מלמד, און ער אַ בעל-מלאכה. ס׳איז פער-פאַלען, דעם „בעל-כרחך״ קען מען נישט איבערמאַכען, אַזוי איז עס, און אַזוי וועט עס זיין, צייט די וועלט וועט שטעהן!

# לא.

## ס'ברענט נישט, ס'אַלינגען!

דער אַלטער קאָצקער רבי זצ"ל, איז אַמאָל דורכגעפאָהרען פינסק, און דאָרט זיך אָבגעשטעלט. אויף עטליכע טעג.

ס'זענען צונויפגעקומען צום רבי'ן אַלע שטאָטישע חסידים, דעם רבי'ן מקבל פנים זיין, און געבען שלום;

אין פינסק האָט געוואוינט אַ גרויסער פּאָדרייטשיק, ער האָט געהאַט אַרום סעוואַסטאָפּאָל גרויסע רעגירונגס־פּאָדריאַדען, פון אַלע־ערליי פּראָוויאַנטען, ער האָט דאָרט געהאַט אַ סך מאַגאַזיינען מיט סחורות, דער זעלבער פּאָדרייטשיק איז געווען אַ קאָצקער חסיד.

ווען דער רבי איז געווען אין פינסק, איז ער איינגעשטאַנען ביי דעם פּאָדרייטשיק.

דער פּאָדרייטשיק האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה. צום סעודה־זע־נען געקומען אַלע רבנים, דיינים, מיט די שענסטע בעלי־הבתים פון פינסק.

ביים עסען האָט דער פּאָדרייטשיק דערהאַלטען אַ טעלעגראַמע, ווי ער האָט איבערגעליינט די טעלעגראַמע, איז איהם פינסטער געווארען פאַר די אויגען, ער איז אַוועקגעפאַלען חלשות.

מ'האָט איהם אָפּגענומען פון טיש, גענומען מונטערען, און וויפיל די מענשען האָבען זיך בעמיהט איהם צו דערמונטערן, האָט ער אַלץ געחלש'ט.

מ׳האָט איהם אַרויסגעטראָגען אויפ׳ן הויף, אויף די לופט, אויך דאָרט האָט ער געחלש׳ט, ס׳איז געוואָרען אַ גרויסער רעש, מ׳איז אַריין צום רבי׳ן, און דערצעהלט פון פּאָדרייטשיק׳ס חלשות, אַז מ׳קען איהם נישט דערמונטערען.

דער רבי איז אַוועק פון טיש, אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן הויף זעהן דעם פּאָדרייטשיק, דער רבי האָט איהם בעטראַכט; האָט דער רבי גע־הייסען מ׳זאָל איהם שטאַרק קוועטשען די שלייפען, עטליכע יונגע לייט האָבען איהם זעהר שטאַרק געקוועטשט, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דער רבי איז געשטאַנען דערנעבען, פרעגט איהם דער רבי:

—וואָס איז די סיבה פון דיין חלשות?

דער פּאָדרייטשיק קוים רעדענדיג האָט געענטפערט:

—רבי איך בין פאַרלוירען, כ׳האָב דערהאַלטען אַ טעלעגראַמע, שרייבט מען מיר, אַז אַלע מיינע מאַגאַזינען ברענען, מיין גאַנץ פאַר־מעגען איך פריעמד געלט, איז דאָרט דאָ, רבי איך קען עס נישט אויסהאַלטען!

—ס׳איז אַליגען!—זאָגט דער רבי,—דיינע מאַגאַזינען זענען נישט פאַרברענט געוואָרען. גיב אַ סראָטשנע טעלעגראַמע, וועט מען דיר ענט־פערן, וועסט הערען, אַז דיינע מאַגאַזינען זענען געבליבען אומ־בּאַרירט!...

מ׳האָט באַלד טעלעגראַפירט, צייט 6 שעה איז געקומען אַ תשובה:—אַז אַלע אַרומיגע מאַגאַזינען זענען פאַרברענט געוואָרען, אַ חוץ זיינע מאַגאַזינען זענען געבליבען גאַנץ!...

אַלע חסידים דערוויסענדיג זיך פון די תשובה, האָבען גענומען רעדען פון דעם מופת...

דער קאָצקער רבי זצ״ל האָט דערהערט: וואָס די חסידים שמו־עסען וועגען איהם, האָט דער רבי געזאָגט צו זיי:

איך בין נישט קיין נביא, „לא נביא ולא בן נביא אנכי״ נאָר שכל האָט איך געהאַט, מיר זעהען דאָס בחוש, אַז השי״ת שיקט

קָן רחמנא ליצלן אַ צרה אויף אַ יוד, גיט ער איהם כּוח איבערצו־ האַלטען... איך האָב געזעהן, ווי ער חלש'ט און חלש'ט, און ער קען עס נישט איבערטראָגען, האָב איך פאַרשטאַנען—אַז דאָס איז נישט זיינע „צרות", ווייל ער קען זיי נישט איבערטראָגען...

---

אויף דעם קען מען זאָגען: „חכם עדיף מנביא"...

* * *

די מעשה האָט צוגעשיקט ה' מ. טיקטינער פון ראַשיצע.

# לב.

## אַ „בן־זכר" צוליב אַנ'אתרוג.

דער בעוואוסטער ווארשעווער אַלטער קאָצקער חסיד ר' נחמיה'לע, האָט זיך באַלד נאָך יום־כפור געקויפט אַנ'אתרוג, זעהר אַ שעהנעם. דער אתרוג איז געווען כמעט איינער אין גאַנץ ווארשא, מיט זיבּע מעלות.

פאַר סוכות האָט דער אַלטער מאָגעלניצער רבי זצ"ל, געשיקט זיין משמש קיין ווארשא קויפען אַנ'אתרוג, ס'איז דאַמאָלסט אין יענעם יאָהר פונקט געווען אַ מאַנגעל אין שעהנע אתרוגים.

דער משמש איז אַרומגעלאָפען אין אַלע געוועלבער זוכען אַנ־

אתרוג, און ער האָט נישט געקענט קריגען קיין רעכטען אתרוג.

דער משמש האָט זיך וועגען אתרוג מתנצל געווען פאַר זיינעם אַ בעקאַנטען חסיד, האָט איהם יענער דערצעהלט: אַז דער בעוואוס-טער קאָצקער חסיד ר׳ נחמיה׳לע האָט זיך געקויפט אַן׳אתרוג, איז ער אַ מובחר שבמובחרים, אַ וועלטענהייט, ס׳איז גלאַט טשעקאַווע געהן זעהן דעם אתרוג.

דער משמש איז אַוועק צו ר׳ נחמיה׳לען, און איהם געבעטען ער זאָל איהם בלויז ווייזען זיין אתרוג.

ר׳ נחמיה׳לע האָט איהם געוויזען זיין אתרוג, דער משמש איז נשתומם געוואָרען: צייט ער לעבט האָט ער נאָך אַזאַ אתרוג נישט געזעהן; מיט אַזאַ גידול, מיט אַזעלכע בליטות, ממש אַ וועלטנהייט.

דער משמש איז צוקאָכט געוואָרען, ער האָט אָנגעשלאָגען ר׳ נחמיה׳-לען, ער זאָל איהם פערקויפען דעם אתרוג. (ער האָט איהם דערצעהלט פאַר וועמען ער דאַרף דעם אתרוג).

ר׳ נחמיה׳לע האָט איהם נישט געוואָלט פאַרקויפען דעם אתרוג.

—איך דאַרף איהם פאַר מיר, האָט געזאָגט ר׳ נחמיה׳לע, „איך בין אויך אַ רבי!"...

דער משמש האָט איהם שטאַרק געבעטען, ער זאָל איהם פאַר-קויפען דעם אתרוג, ער האָט איהם צוגעזאָגט: קענסט פועל׳ן ביי מיין רבי׳ן פאַר דעם אתרוג וואָס דו ווילסט!

ר׳ נחמיה׳לע האָט געלאַכט, און רופט זיך אָן אין שפּאַס:

—איך וויל אַ „בן-זכר" פאַר׳ן אתרוג, קענסטו מיר צו זאָגען? (ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער).

—גוט,—זאָגט דער משמש—איך זאָג דיר צו, אַז מיין רבי וועט פאַר דיר אויסבעטען אַ „בן-זכר".

—אויף דעם אופן,—זאָגט ר׳ נחמיה׳לע—פאַרקויף איך דיר דעם אתרוג, גיב מיר תקיעת-כף, אַז דיין רבי וועט מקיים זיין דיין צוזאג.

דער משמש האָט איהם געגעבען תקיעת-כף, און איהם באַצאָהלט פאַר'ן אתרוג וויפיל ר'האָט איהם געקאָסט.

ער איז אַהיים געפאָהרען מיט'ן אתרוג מיט גרויס שמחה.

און האָט אַהיים געבראַכט דעם מאָגעלניצער רבי'ן דעם אתרוג, און דעם רבי'ן גאָרניִשט דערצעהלט פאַר אַ וואָסערן „פּרייז" ער האָט דעם אתרוג געקויפט...

דער רבי האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם אתרוג, אַזאַ שעהנקייט—האָט געזאָגט דער רבי—האָב איך נאָך נישט געזעהן!

נאָר דער רבי האָט עפּעס איבערגעקלעהרט איבער'ן אתרוג, אַ גאַנצען ערב-סוכות איז דער רבי אַרום געגאַנגען פאַרקלעהרט, און מסתפק געווען: צי ער זאָל בענטשען איבער'ן אתרוג, צי ניין?

עפּעס האָט דער רבי מורא געהאַט פאַר דעם „אתרוג". ערב יום-טוב פאַרנאַכט האָט דער רבי אריינגערופען דעם משמש, און איהם איבערגעפרעגט:—ביי וועמען האָסטו געקויפט דעם אתרוג?

דער משמש איז געווען אַ כיטרער, ער האָט דעם רבי'ן נישט געוואָלט מצער זיין, האָט ער דעם רבי'ן געענטפערט: כ'האָב איהם געקויפט ביי אַ חסידישען יוד, אַנ'עהרליכען מאַן, ער קאָסט מיר 30 רובעל!...

דער רבי האָט נאָך די ווערטער, געבענטשט איבערן אתרוג.

*

ס'איז אַדורך גיין הדשים נאָך סוכות, און ביים קאָצקער חסיד איז גאָרניִשט צוגעקומען; איז ער אַוועקגעפאָהרען צום קאָצקער רבי'ן זצ"ל און דעם רבי'ן דערצעהלט די מעשה מיט'ן אתרוג, אַז דעם מאָגעלניצער רבי'נס משמש האָט איהם צוגעזאָגט פאַר זיין רבי'נס ווערטער—אַ בן-זכר!

רופט זיך אָן דער קאָצקער רבי זצ"ל:—פאַהר אַריבער קיין מאָגעלניצע, און האָב אַ דין-תורה מיט'ן מאָגעלניצער רבי'ן, ער מוז מקיים זיין זיין משמש צוזאָג, אַז נישט, זאָג איהם, האָט ער נישט יוצא געווען מיט זיין אתרוג בענטשען.

דער קאָצקער חסיד איז אַוועקגעפאָהרען צום מאָגעלניצער רבי'ן,

און בײַ איהם געמאָהנט דעם „חוב״. וואָס זיין משמש האָט איהם צו־געזאָגט פאַר זיין אתרוג-אַ „בן־זכר״; און דער קאָצקער רבי-האָט ר׳ נחמיה׳לע אויסגעפיהרט—האָט געהייסען אייך רופ׳ן וועגען אייער משמש׳ס צוזאָג—צו אַ דין־תורה.

דער מאָגעלניצער רבי איז שטאַרק צוקאָכט געוואָרען פון די מעשה. ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבען צו וויסען פון דעם צוזאָ

דער מאָגעלניצער רבי האָט אַריינגערופען זיין משמש און, אויף איהם שטאַרק געשריגען: ווי פאַלסטו אויף צו צוזאָגען אויף מיין חשבון אַ „בן־זכר״, און מיר גאָרנישט זאָגען דערפון?

דער משמש איז רויט געוואָרען, און זיך פאַרענטפערט: — רבי כ׳וועל אייך דערצעהלען דעם אמת:—ר׳ נחמיה׳לע האָט מיר אַנדערש נישט געוואָלט פאַרקויפען דעם אתרוג, צייטען כ׳האָב איהם געמוזט צוזאָגען פאַר׳ן רבי׳נס וועגען-אַ „בן־זכר״...

און פאַר׳ן רבי׳ן האָב איך מורא געהאַט אויסצוזאָגען, כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳וועט אַזוי אויך מקוים ווערען...

דער מאָגעלניצער רבי זצ״ל האָט זיך שטאַרק צוקאָכט, ער האָט זיך פאַרשלאָסען אויף אַ פּאָר שעה, און פאַרנאַכט האָט דער מאָגעלניצער רבי געהייסען אַריינרופען דעם קאָצקער חסיד, און איהם אַזוי געזאָגט:

—ס׳איז פאַרפאַלן, אַז מ׳האָט פאַר מיינעט׳ס וועגען צוגעזאָגט אַ „בן־זכר״, וועל איך מקיים זיין. אַז נישט בין איך נישט יוצא מיט מצוות אתרוג וואָס כ׳האָב געבענטשט! פאָהר לשלום, ג אָ ט וועט דיר העלפען!...

* *
*

אין דעם זעלבען יאָהר האָט דער קאָצקער חסיד געמאַכט אַ ברית!...

## כג.

## עקשנות.

צום אַלטען קאָצקער רבי׳, זצ״ל, איז געקומען אויף ראש השנה אַ חסיד אַ סוחר, ביים שלום נעמען, האָט ער זיך מתנצל געווען פאַר׳ן רבי׳ן:

—רבי, נישט פאַר אייך געדאַכט, בין איך די לעצטע צייט שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרען, מיין גאַנץ געשעפט איז רואינירט. איך דאַרף האָבען אַ באַלדיגע הילף פון עטליכע הונדערט רובעל, אז נישט קומט מיר אויס ח״ו עוקר צו זיין!...

דער רבי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, האָט דער רבי איהם געהייסען אַרויסגעהן, און געהייסען דעם משמש אַריינרופען ר׳ וואָלף סטריקעווער; איהם האָט דער רבי געהייסען מאַכען אַ צעטעל פון אַלע חסידים וואָס זענען געקומען אויף ראש השנה, יעדען זאָל ער שטעלען לויט זיין השגה נאָך, און קיינעם זאָל דער משמש נישט אַריינלאָזען אָהן זיינס אַ קוויטעל.

ר׳ וואָלף האָט געמאַכט אַ צעטעל פון אַלע חסידים, יעדען האָט ער געשטעלט אַ געוויסע סומע, ביז ער האָט אויסגערעכענט אַז ער וועט שוין האָבען עטליכע הונדערט רובעל, אַז דער סוחר זאָל זיך קענען צוריק שטעלען אויף די פיס.

אַלע חסידים זענען באַלד געוואָרגעוואָרען פון דעם פּלאַן, און עדער חסיד איז צוגעגאַנגען צו ר׳ וואָלפ׳ן נאָך אַ קוויטעל.

איין חסיד איז צוגעגאַנגען צו ר׳ וואָלפ׳ן נאָך אַ קוויטעל, האָט איהם ר׳ וואָלף געהאַט געשטעלט אַ גרעסערע סומע, האָט דער חסיד נישט געוואָלט געבען אַזוי פיל; האָט זיך ר׳ וואָלף געשפּאַרט מיט איהם: דו קענסט יאָ געבען.

דער חסיד האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען ר׳ וואָלפ׳ן; האָט זיך דער חסיד מיישב געווען: ער וועט אַריינגעהן צום רבי׳ן אָהן אַ קוויטעל, האָט איהם ר׳ הירש טאָמאַשאָווער דער משמש, נישט געוואָלט אַריינלאָזען צום רבי׳ן אָהן אַ קוויטעל.

האָט זיך דער חסיד אַריינגע[גבֿ]׳ט צום רבי׳ן דורך אַ פענסטער; און דערצעהלט דעם רבי׳ן, אַז ר׳ וואָלף האָט איהם געשטעלט אַ צו־גרויסע סומע, ער קען נישט אַזוי פיל געבען, דעריבער האָט ייר נישט גענומען קיין קוויטעל.

זאָגט צו איהם דער רבי:—אַז דו קענסט נישט, איז פאַרפאַלען, גיב וויפיל דו קענסט.

דער חסיד האָט זיך שפּעטער געשעהמט צו ווייזען פאַר ר׳ וואָלפ׳ן; האָט ער איבערגעלאָזט אַ קלענערע סומע ביי אַ היימישען; און איהם געבעטען; אַז ער זאָל דאָס געלד איבערגעבען ר׳ וואָלפ׳ן, ווען ער וועט שוין האָבען אַוועקגעפאָהרען, און איהם זאָגען: אַז דער רבי האָט איהם געהייסען געבען וויפיל ער קאָן.

ווען דער חבר זיינער האָט צוגעבּרענגט דאָס געלט צו ר׳ וואָלפ׳ן, און איהם דערצעהלט, וואָס זיין חבר האָט איהם אָנגעזאָגט, האָט ר׳ וואָלף געשווינד געהייסען דינגען אַ רייטער, ער זאָל נאָכיאָגען נאָכ׳ן חסיד, איהם באַלד צוריקברענגען; — ווייל עס געהט אין „פיקוח־נפש!

מ׳האָט נאָכגעשיקט אַ שליח, און דער חסיד איז באַלד צוריק־געקומען, פרעגט ער ר׳ וואָלפ׳ן: וואָס דאַרפט איהר מיר אַזוי נעטיג האָבען?

זאָגט צו איהם ר׳ וואָלף: געה שוין אַריין צום רבי׳ן און זאָג

אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט, מיט דעם וואָס דו האָסט פריהער געַ-זאָגט, אַז דו קענסט נישט, דו וועסט געבען וויפיל איך האָב דיר געשטעלט; ווייל עס קען דיר ח"ו שאַטען, דעם רבי'נס „רחמנות"...

דער חסיד איז אַריין צום רבי'ן, און געזאָגט: רבי איך האָב אַ טעות געהאַט, איך האָב מיר מיישב געווען, אַז איך קען יאָ געבען וויפיל ר' וואָלף האָט מיר געשטעלט...

דער רבי האָט איהם צוגעוואונשען הצלחה און געזעגענט.

אַרויסגעהענדיג פון רבי'ן, האָט ער צוגעגעבען ר' וואָלפ'ן די רעשט געלד וויפיל ר' וואָלף האָט איהם געהאַט געשטעלט.

---

נאָכ'ן קאָצקער זצ"ל'ס פטירה, האָט געפיהרט דער חדושי הרי"ם, און נאָכ'ן חדושי הרי"ם, האָט געפיהרט ר' וואָלף סטריקעווער, איז דער זעלבער חסיד געקומען צו ר' וואָלפ'ן און זיך געקלאָגט פאַר איהם: ס'איז מיר אויף דער עלטער געוואָרען זעהר שווער אין פרנסה!

זאָגט צו איהם ר' וואָלף: דו האָסט אַ נס וואָס דו ביזט צוריק געקומען צום קאָצקער זצ"ל, אַז נישט, וואָלט דיר געווען נאָך ערגער, דאָס האָסטו צוליב דיין „עקשנות"!...

—יענע פאַר מינוט וואָס דו האָסט זיך מתנצל געווען פאַר'ן קאָצקער זצ"ל—„אַז דו קענסט נישט"!—האָבען דיר געשאַט... געדענקסט?

# לד.

## דער זאַמד־פיהרער

דער קאָצקער רבי זצ"ל, האָט די מעשה נאָכדערצעהלט פון בעל שם־טוב זצ"ל:

—צום בעל־שם־טוב ז"ל איז אַמאָל געקומען אַ זאַמד־פיהרער אַ גרויסער אביון און זיך שטאַרק געקלאָגט אויף זיין פרנסה:

—רבי לעבען,—וויינט דער זאַמד־פיהרער—כ'האָב נישט צופארדינען, כ'האָב עטליכע קינדערלעך קיין עין־הרע, אַ טאָכטער אַ שידוך צו טוען, גיט מיר אַ ברכה רבי לעבען, איך קען נישט אויסהאַלטען

זאָגט צו איהם דער בעל־שם־טוב: דער עיקר מיין זוהן איז בטחון, אַז דו וועסט האָבען אמת'ן בטחון אין השי"ת וועסטו געהאָלפען ווערען ...

דער זאַמד־פיהרער איז געווען אַ פּראָסטער יוד אַ גרויסער עם־הארץ, ער האָט אָנגענומען דעם רבי'נס ווערטער זעהר שטאַרק, איז ער אַהיים געפאָהרען, ארויסגעקראָכען אויפן פיעקעליק, גענומען זיין גראָ־ען סידור און גענומען זאָגען תהלים. ער האָט זיך אריינגענומען אין

קאַפּ:—מסתם וועט מיר גאָט העלפען, אַז דער רבי האָט מיר געהייסען האָבען בטחון אין השי"ת דאַרף איך גאָרנישט טוען.

ער האָט נישט געוואָלט אַראָבקריכען פון אויווען, זיין ווייב האָט פאַר איהם געוויינט: משה געה אַראָב פון אויווען, מיר וועלען דאָך שטאַרבען פאַר הונגער, פאָהר נאָך זאַמד.

ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, זיין ווייב האָט געזעהן, אַז זי וועט מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָט זי געדונגען אַ גוי, ער זאָל ברענגען זאַמד מיט איהר פערד און וועגעלע, און זי האָט דאָס זאַמד פאַרקויפט.

דער זאַמד-פיהרער איז געבליבען זיצען אויפ'ן אויווען, געזאָגט אָהן אויפהער תהלים, טאָג און נאַכט.

דער גוי איז אַלע טאָג געפאָהרען הינטער די שטאָדט נאָך זאַמד געבראַכט עטליכע וועגעלעך זאַמד; זי האָט זיי פאַרקויפט, איז איהר געבליבען עטליכע גראָשען ריוח אַ טאָג, קוים אויף קאַרטאָפעל מיט זאַלץ.

אַזוי האָבען זיי געלעבט עטליכע וואָכען.

איינמאָל בייטאָג קוקט דעם זאַמד-פיהרער'ס ווייב אַרויס דורכ'ן פענסטער זעהט זי ווי דאָס פערדל מיט'ן וועגעלע קומט אַליין אַרויף אויפ'ן הויף אָהן גוי. זי איז אַרויס צו די פוהר, זעהט זי עטליכע זעק פאַרבונדענע פולע, האָט זי אויפגעעפענט איין זאַק, גיט אַ פאַל אַרויס גאָלדענע רענדלעך... איז זי אַריין אין שטוב, צו צום אויווען, און איהם דערציהלט וואָס ס'איז דאָ אין זאַק, איז ער באַלד אַראָב פון אויווען אַריינגענומען די זעק רענדלעך אין שטוב אַריין, און דאָס פערד אַריינגעשטעלט אין שטאַל.

אַליין איז ער געלאָפען אין וואַלד אַריין זעהן וואו דער גוי איז אַהין געקומען.

ער האָט איהם נישט געקענט געפונען.

שפּעטער איז דער זאַמד-פיהרער געוואָר געוואָרען, אַז דער גוי איז פאַרשיט געוואָרען אין אַ באַרג זאַמד, ווען ער האָט געגראָבען

זאמד אין א טיפען לאך, האט ער געפונען די רענדלעך, האט דער גוי געבריגגט זעק, אנגעשיט זיי מיט רענדלעך. ווען ער האט שוין געהאט אנגעלאדעוועט עטליכע זעק, איז ער נאכאמאל אראב אין גרוב אנשיטען א זאק, האט זיך דער בארג אויף איהם איינגעשיט, און איהם פארשיט...

* * *

דער זאמד-פיהרער איז געווארען זעהר רייך, ער איז דערנאך געקומען צום בעל-שם-טוב, און איהם דערצעהלט פון דעם נס, דער בעל-שם-טוב האט איהם געהייסען געבען א סך צדקה, דער זאמד-פיהרער האט געפאלגט. און צום סוף האט איהם דער בעש"ט געזאגט: דאס האסטו געקריגען—ווייל דו האסט געהאט דעם אמת'ן בטחון!...

---

די מעשה איז געווארען שטארק מפורסם, האט זיך געפונען אין די זעלבע שטאט פון זאמד-פיהרער, אן ארימער שוסטער, און ער האט אויך בעשלאסען גארנישט צו טוען, נאר צו האבען בטחון: ער איז אוועק אין וואלד, מיט גענומען א סידור, ארויפגעקראכען אויף א בוים, און גענומען זאגען תהלים, ער האט בייזיך אבגעמאכט: איך וועל נישט אראב פון בוים, ביז גאט וועט מיר נישט העלפען...

דער שוסטער איז דארט געזעסען אויפ'ן בוים עטליכע טעג, נישט געגעסען, נישט געטרונקען, כסדר געפאסט, און געווארט ביז גאט וועט איהם העלפען;

ער איז שוין געווען זעהר אבגעשוואכט, ער האט שוין נישט געהאט קיין כוח צו זאגען תהלים, דערווייל דערהערט ער פאהרען א פוהרל אין וואלד, האט ער גענומען הוסטען, און קרעכצען, האבען די מענשען דערהערט דאס קרעכצען, זיינען זיי צו צום בוים און דערזעהן דעם שוסטער זיצען פאר חלש'טערהייט, האבען זיי איהם אראבגענומען, ארייגענומען איהם אין שטאט, געגעבען איהם עסען,

און צוריק אָבגעפיהרט איהם אַהיים...

דער שוסטער איז געזונד געוואָרען, האָט ער גענומען מתעורר זיין אויף'ן בעש"ט, ער איז געקומען צום בעש"ט, איהם דערצעהלט, ווי ער איז אויך אַוועק אין וואַלד, געזאָגט תהלים, און איהם האָט גאָט נישט געהאָלפען...

רופט זיך אָן דער בעש"ט צום שוסטער: ביזט אַליין שולדיג, ווען דו וואָלסט געהאָט בטחון, און נישט געהוסט, פאַר די דורכ-פאָהרער—וואָלסטו אויך געהאָלפען געוואָרען!...

אויף דעם האָט געזאָגט דער קאָצקער רבי זצ"ל: „בטחון" קען מען נישט נאָכמאַכען. דאָס דאַרף מען האָבען טיעף אין האַרץ... וואויל איז דעם וואָס האָט אמת'ן בטחון!...

## לה.

## „עסען איז טייער"—„איז לערנען וואָלוועל"

ס'איז אַמאָל געווען אַ יאָהר פון אַ גרויס יקרות, אָרימע לייט-האָבען נישט געהאָט צו עסען קיין ברויט, זיי האָבען זיך געשפּייזט מיט בלויז קאַרטאָפעל, אַ סך אָרימע לייט זענען אויסגעשטאָרבען. אין די צייט איז אויף אַ שבת געקומען אַ גרויסער עולם חסידים צום קאָצ-קער רבי'ן זצ"ל, דער רבי האָט שוין דאַמאָלסט ווייניג אָנגענומען חסידים, און טיילמאָל אינגאַנצען נישט געוואָלט אָננעמען קיין חסידים.

נאָך שבת האָבען די חסידים געוואָלט אַהיים פאָהרען, דער רבי האָט קיינעם נישט געוואָלט געזעגענען.

עטליכע טעג האָבען זיך די חסידים אַרומגעדרעהט אין הויף, און נישט געקענט אַהיים פאָהרען.

עטליכע אָנגעזעהענע חסידים זענען אַריין צו די רביצין, און איהר געבעטען, אַז זי זאָל בעטען דעם רבי'ן, ער זאָל זיי געזעגענען.

ביינאַכט ווען די רביצין איז געשטאַנען און געקאָכט וויעטשע־רע, איז דער רבי אַריינגעקומען אין קיך פאַררויכערען זיין ליולקע.

זאָגט צו איהם די רביצין:

—מענדיל, וואָס האַלטסטו אויף די חסידים? זיי ווילען אַהיים פאָהרען, זיי קענען דאָ לאַנג נישט זיצען, ס'איז דאָך אַ גרויסער יקרות.

האָט דער רבי איהר געענטפערט:

—פאַר וואָס איז עסען טייער?— ווייל אַלע האָבען זיך גענומען צום עסען.

זאָלען זיך אַלע נעמען צום לערנען—וועט „לערנען זיין טייער— און עסען וואָלוועל!"...

* *
*

די מעשה האָט צוגעשיקט ה' י. ה. אימבער, פון וואַרשא. ער האָט די מעשה געהערט פון זיין פאָטער זצ"ל, און זיין פאָטער האָט די מעשה געהערט פון די אַלטע קאָצקער רביצין ע"ה, ווען זי איז געוועזען ביי איהר איידעם דעם סאָכאָטשאָווער רבי'ן זצ"ל.

# לו.

## אייזיק ר' יעקעלעס.

צום קאָצקער רבי'ן זצ"ל, איז געקומען אַ חסיד פרעגען אַנ'עצה:
– רבי אַזוי ווי איך האָב נישט אין דערהיים קיין פרנסה, וויל איך זיך אַרויסציהען אין אַ גרויסע שטאָט אַריין, ווייס איך נישט וואָס ל'זאָל טוען:
רופט זיך אָן דער רבי: הער אויס, איך וועל דיר דערצעהלען אַ מעשה, וועסטו אַליין פערשטעהן וואָס דו האָסט צו טוען:
–אין קראָקע האָט געוואוינט אַ יוד אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער הערליכער יוד, „אייזיק ר' יעקעלעס" האָט מען איהם גערופען; ער פלעגט פאַסטען כל ימיו תעניתים–משבת־לשבת!
נאָכ'ן תענית, פלעגט ער איבערבייסען אַ שטיקעל ברויט מיט עסיג, זיין ווייב האָט געהאַנדעלט אויפ'ן מאַרק מיט גרינוואַרג.
איינמאָל האָט זיך איהם געחלומט, אַז נעבען קייסער'ס שלאָס נעבען וואַוועל, אַ פופציג איילען ווייט, ליגט באַגראָבען אַנ'אוצר.
דער חלום האָט זיך איהם איבערגעחזר'ט עטליכע נעכט, אַלץ די זעלבע זאַך, און אויף דעם זעלבען אָרט; אַזוי, אַז ער האָט שוין געוואוסט אַקוראַט, דאָס אָרט וואו עס ליגט דער אוצר.
איינמאָל אין דערפריה, האָט ער בעשלאָסען געהן צום שלאָס, אָבקוקען דאָס אָרט. ער איז אַוועק צום שלאָס, אָבגעצעהלט 50 טריט ער האָט מצמצם געווען אַקוראַט דאָס אָרט לויט ווי ער האָט עס געזעהן אין חלום.
ער האָט זיך געמאַכט אַ סימן, און אַהין געקומען עטליכע טאָג זיך אַרומגעדרעהט, געקוקט, געקוקט; ביז ער האָט ביי זיך בעשלאָסען: מיטברענגען אַ לאָפּאַטע און אָנהויבען אויסגראָבען דעם „אוצר".

בײם שלאָס האָט מען בעמערקט דעם יוד, ווי ער דרעהט זיך דאָרט שוין עטליכע טעג, האָט מען איבערגעגעבען אין שלאָס: אַז ס'דרעהט זיך דאָ אַרום נעבען שלאָס אַ יוד, קוקט עפּעס אויס, האָט דער גענעראַל פון שלאָס געהייסען דעם יוד לאָזען אַרומדרעהען, נאָר מ'זאָל אויף איהם גוט אַכטונג געבען.

איינמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, האָט אייזיק ר' יעקעלעס, מיטגענומען אַ לאָפּאַטע, צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו ער האָט גע-האַט דעם סימן און גענומען גראָבען.

מ'האָט איבערגעגעבען דעם גענעראַל: אַז דער יוד, גראָבט אַ גרוב אויף אַ שטח פון פופציג איילען ווייט פון שלאָס.

האָט דער גענעראַל געהייסען: אַרעסטירען דעם יוד.

מ'האָט דעם יוד אַרעסטירט, און גענומען אין שלאָס אריין אין שלאָס האָט מען איהם גענומען אויספרעגען ווער ער איז, ווי ער הייסט, און וואָס פאַר אַ גרוב האָט ער גענומען גראָבען?

האָט דער יוד געענטפערט: איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגען; ציימען מ'וועט מיר נישט צופיהרען צו אַ גרויסען גענעראַל, איהם וועל איך דערצעהלען.

מ'האָט איהם געבערענגט פאַר גענעראַל פון שלאָס, דער גענע-ראַל האָט אָנגעקוקט דעם יוד, האָט ער געזעהן, אַז ער זעהט נישט אויס ווי קיין שפּיאָן, און קיין משוגענער איז ער אויך נישט, פרעגט ער איהם:

–ווי פאַלסטו אויס צו געהן גראָבען אַ גרוב נעבען שלאָס? דו ווייסט נישט, אַז מ'טאָר נישט גראָבען נעבען שלאָס?

ענטפערט איהם דער יוד: הערט אויס ה' גענעראַל, איך וועל אייך דערצעהלען דעם אמת, קיין גנב בין איך נישט, קיין שפּיאָן בין איך אויך נישט, מ'קען זיך אויף מיר נאָכפרעגען אין שטאָט, איך זיך שטענדיג און לערן, איך בין אַ גרויסער אָרימאַן, מיט עטליכע געלט צוריק האָט זיך מיר אָנגעהויבען חלום'ען: אַז נעבען שלאָס, אַ

פופציג טריט וויט, געפינט זיך א גרויסער אוצר!

איך האב מיר נישט געוואלט צוגלייבען צום חלום, אבער עטלי־כע נעכט נאכאנאנד האט זיך מיר אלץ געחלומ׳ט דער זעלבער חלום, אלץ אויפ׳ן זעלבען ארט, אקוראט וואו איך האב אנגעהויבען גראבען.

האב איך מיר מיישב געווען, כ׳וועל געהן אויסגראבען דעם אוצר!

זאגט צו איהם דער גענעראל: הער אויס יוד, איך קען דיר נישט, פון דיינע רייד זעה איך אז דו ביזט אנ׳ארענטליכער נאאיווער מענש, וועל איך דיר אויך דערצעהלען, וואס ס׳האט זיך מיר גע־חלומ׳ט, שוין עטליכע נעכט כסדר, חלומ׳ט זיך מיר, אז ביי דיר אין שטוב, (ער האט איהם אנגערופען די גאס מיט די שטוב ווי איזיק ר׳ יעקעלעס האט געוואוינט) ליגט בעגראבען אנ׳אוצר...

אלזא,—פיהרט אויס דער גענעראל—אזוי ווי איך זעה אצינד, האט זיך אונז ביידע געחלומ׳ט איין חלום, נאר מ׳האט דיר נישט גע־וואלט וויזען דאס ארט—נאר דורך מיר. טא געה־זשע אהיים צו דיר אין שטוב אריין, און גראב אויס דיין אוצר!...

---

דער יוד איז אהיים געגאנגען, און גענומען גראבען ביי זיך אין שטוב און געפונען א גרויסען אוצר!...

אייזיק ר׳ יעקעלעס איז דערנאך געווארען א גרויסער עושר!

* *

*

זעהסטו—פיהרט אויס דער קאצקער רבי זצ״ל, צום ארימען—וואו מ׳דארף זוכען דעם אוצר—אין דערהיים ביי זיך!...

# צוליב איין מינוט.

דער קאָצקער רבי זצ"ל איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען מיט אַ חברה חסידים אין וואַלד אַריין.

געהענדיג טיף אין וואַלד, האָט דער רבי אָנגעהויבען שמועסען פון בטחון, די יונגע לייט האָבען שוין געוואוסט, אַז אין וואַלד זאָגט דער רבי אַלע מאָל שעהנע זאַכען, האָבען זיך אַלע אַרומגע־שטעלט, דער רבי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבען:

—כ'וועל אייך דערצעהלען אַ שעהנע מעשה, וועט איהר פאַר־שטעהן, וואָס איז אַזוינס בטחון?

אין עסטרייך נישט ווייט פון די רוסישע גרענעץ, האָט געוואוינט אין אַ קליין שטעטיל אַ יוד מיט אַ קריסט אין שכנות;ביידע זענען געווען בעל מלאכות, זיי האָבען צווישען זיך גאַנץ גוט געלעבט.

אַמאָל אין אַ שלעכטע צייט, זענען ביידע אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט, קיין געלד צום האַנדלען האָבען זיי נישט געהאַט, זיי האָ־בען געהאַט ווייבער מיט קינדער, בעטלען איז אין עסטרייך שטרענג פאַרבאָטען, האָבען זיי נישט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען.

רופט זיך אָן דער קריסט צום יוד: לאָמיר ביידע אַריבערפאָה־רען קיין פוילען, אפשר וועלען מיר קריגען אַרבייט, אויב נישט, ווע־לען מיר דאָרט בעטלען, דאָרט איז נישט אַזוי שטרענג.

זיי זענען ביידע אַריבער די גרענעץ, געקומען קיין פוילען, קיין אַרבייט האָבען זיי נישט געקריגען.

האָבען זיי זיך געלאָזט איבער די מדינה בעטלען.

ס׳איז אדורך דער ווינטער, ס׳האָט זיך צוגערוקט פסח, זיי זע־נען ביידע געווען אין אַ גרויסע יודישע שטאָט, האָט דער קריסט אָנ־געהויבען איבערקלעהרען: וואו וועט ער עסען פסח?

רופט זיך אָן צו איהם דער יוד: ווייסט וואָס, כ׳האָב פאַר דיר אַ פּלאַן, דו קענסט דאָך דייטש, דו רעדסט שוין צוביסלעך יודיש אויך, וועל איך דיר באָרגען אַ יודישע קאַפּאָטע, מיט אַ יודיש היטעל, איך וועל דיר מיט נעמען מיט מיר אין בית המדרש אַריין, דאָרט וועסטו זאָגען, אַז דו ביזט אַ יוד, וועסטו שוין האָבען צו עסען.

איך וועל דיר געבען אַ סידור, וועסטו שטעהן נעבען מיר, וועסט מאַכען מיט די ליפּען; מ׳זאָל מיינען, אַז די דאַווענסט, זאָרג נישט וועסט שוין האָבען צו עסען.

ס׳איז געקומען ערב פסח, האָט איהם דער יוד אויסגעסטרויעט אין יודישע מלבושים, ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ בערדל, דער ייד האָט איהם געגעבען אַ סידור, און זיי זענען ביידע אַוועק אין אַ בית המדרש אַריין.

אין בית המדרש איז דער קריסט געשטאַנען און געמאַכט מיט די ליפּען, מ׳זאָל מיינען אַז ער דאַווענט. דער יוד האָט איהם אויס־געלערנט אַ ביסעל יודישע מנהגים, ווי אַזוי מ׳פיהרט זיך ביים סדר: מ׳מאַכט קידוש, מ׳טרינקט פיער כוסות, מ׳זאָגט די הגדה, דער עיקר, האָט איהם דער יוד אָנגעזאָגט—זאָלסטו כסדר נאָכטוען דעם בעל־הבית וואו דו וועסט עסען, וואָס ער וועט טוען, זאָלסטו אויך טוען.

אַז מ׳וועט דיר הייסען קידוש מאַכען, זאָלסטו זיך מאַכען היי־זעריג, און זאָגען זעהר שטיל, מ׳זאָל דיר נישט הערען, וועט עס דורכגעהן.

דעם קריסט איז די מעשה זעהר געפעלען, ער האָט זיך איינ־געחזר׳ט אַלץ וואָס דער יוד האָט איהם געלערנט.

אַז מ׳האָט אין בית המדרש אָפּגעדאַווענט, זענען ביידע געגאַנגען צו 2 בעל־בתים פאַר אורחים. זיי זענען ביידע גלייך אַרויס פון בית

המדרש; אויפ'ן וועג, האָט איהם דער יוד, צוגעלערנט: זאָלסט אַלץ גאָלטוען דיין בעל-הבית, וועסטו נישט דורכפאַלען

דער קריסט איז אַריין מיט זיין בעל-הבית אין שטוב, געזאָגט: גוט יום-טוב, ס'האָט איהם אַרומגענומען אַ געשמאַקער ריח פון די יום-טוב'דיגע מאכלים, פון די פיש מיט'ן פלייש, מיט'ן וויין מיט'ן בראָנפען דער ריח איז איהם אַריין אין די נאָז, איהם גערייצט, ער איז געווען זעהר הונגעריג; ס'האָרץ האָט איהם געגאָגט ער האָט געוואָלט עסען, נאָר זעהענדיג ווי מ'הייבט זיך אַצינד אָן גרייטען צום סדר, איז ער געזעסען ווי אויף שפּילקעס, ער האָט אַ גאַנצען טאָג כמעט נישט געגעסען. מ'האָט זיך געזעצט צום סדר, דער בעל-הבית האָט גענומען מאַכען קידוש, דער „קריסט" האָט שטילערהייד נאָכגעזאָגט, זיך נאָכגעשאָקעלט נאָכ'ן בעל-הבית און אויסגעטרונקען דעם ערש־טען כוס.

אין שטוב האָבען זיי אפילו געקוקט קרום אויפ'ן מאָדנעם „אורח" זיי האָבען פערשטאַנען אַז ער מוז זיין אַ גראָבער יונג, דער בעל הבית האָט איהם איבערגעפרעגט פון וואַנען ער איז, האָט ער געענט־פערט: פון עסטרייך.

דער בעל-הבית האָט געהערט ווי ער שטאַמעלט, און ענטפערט נישט אַזוי דייטלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט קיין גרויסער „למדן", האָט ער איהם צורוה געלאָזט, און ווייטער גע־פיהרט דעם סדר.

דער „קריסט" אויסטרינקענדיג דעם ערשטען כוס, האָט עס איהם נאָך מעהר צורייצט דעם אַפּעטיט, ער האָט געזעהן ווי דער בעל-הבית וואַשט זיך די הענד, האָט ער זיך אויך געוואַשען. דערנאָך זעהט ער ווי דער בעל-הבית נעמט אַ שטיקעל ציבעלע טינקט איין אין זאַלץ-וואַסער; האָט ער אויך אַזוי געטוען, ער האָט געגריזשעט די ציבעלע, ס'איז איהם ביטער געוואָרען אין מויל, ער האָט אפילו געוואָלט אויסשפּייען, נאָר ער האָט געזעהן—ווי אַלע עסען, האָט ער

אויך געגעסען, ס'האָט איהם נאָך מעהר געהונגערט...

נאָך דעם זעהט ער: ווי דער בעל-הבית צושפּאַלט אַ מצה האָט ער געמיינט, אַז מ'געהט שוין עסען, האָט ער אויך צושפּאַלטען אַ מצה, געכאַפּט אַ שטיקעל אין מויל אַריין. ווי פאַרשעהמט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט געזעהן; ווי דער בעל-הבית נעהמט דאָס שטיקעל מצה, און בעהאַלט עס גאָר אונטער'ן קישען...

ער האָט צוריק אַרויסגענומען דאָס שטיקעל מצה פון מויל, צוריק געלעגט די מצה אויפ'ן טיש, ער איז שרעקליך בייז געוואָרען, אין האַרץ האָט ער געשאָלטען אַלע יודען, אַ מאָדנע פאָלק יודען זענען; מ'קומט צוגעהן אַהיים עסען, נעמט מען נישט עסען ווי אַלע מענשען, נאָר מ'געהט פריהער זאָגען, טרינקען שטאַרקען ווייך, עסען ציבעלע, און דאָס גאַנצע עסען לאָזט מען שטעהן...

אַז נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען!...

---

דער בעל-הבית האָט גענומען זאָגען די הגדה, האָט דער קריסט זיך מיטגעשאָקעלט, געמאַכט מיט די ליפּען, דערנאָך האָבען די קינדער גענומען פרעגען דעם פאָטער די קשיות, דער קריסט איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס, ס'האָט איהם גערייצט די מאכלים, דאָס האַרץ האָט איהם געחלש'ט, אַ ברירה האָט ער געהאַט, ער האָט געמוזט מיט מאַכען, געשאָקעלט זיך, געמורמעלט, ס'האָט אַזוי אָבגעדויערט העכער אַ שעה, דער בעל-הבית האָט גענומען דעם צווייטען כוס, ער האָט אויך גענומען דעם צווייטען כוס, און אויסגעטרונקען.

דאָ האָט ער שוין געמיינט, מ'געהט שוין עסען.

דערנאָך זעהט ער—דער בעל-הבית געהט זיך וואַשען, האָט ער זיך אויך געוואַשען, זעהט ער ווי דער בעל-הבית נעמט שוין ווידער די מצה, דאָ איז ער שוין געווען פאַרזיכטיגער, ער האָט געוואַרט, געזעהן ווי דער בעל-הבית נעמט עסען אַ שטיקעל מצה, האָט ער אויך

גענומען אין מויל א שטיקעל מצה, אין האַרץ האָט ער זיך געפרעהט: — אבי מ'געהט שוין עסען!

אין דעם זעהט ער, ווי דער בעל־הבית נעהמט א טעלער כריין און טיילט איין יעדען א שפּאַר ביסעל כריין, איהם אויך; ער האָט גענומען, געקוקט צום בעל־הבית, ער האָט געוואָלט זעהן וואָס מען טהוט מיט'ן כריין?

זעהט ער ווי דער בעל־הבית טינקט איין דעם כריין אין א שווארצע זאַך, זאָגט עפּעס, און נעמט עס אין מויל אַריין, האָט ער אויך אזוי געטוהן...

ס'איז איהם ביטער געוואָרען אין פּיסק, ער האָט עס געוואָלט אויסשפּייען, ער האָט שיעור געוויינט, אזוי ביטער איז איהם געוואָרען אין פּיסק, ער האָט עס אויפגעגעסען...

די אויגען זענען איהם איבערגעגאַנגען, ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט. און ווי ער דאַנושעט נאָר אויפצועסען די ערשטע פּאָרציע, זעהט ער ווי דער בעל־הבית מאַכט שוין גרייט א צווייטע פּאָרציע כריין מיט מצה, דערלאַנגט יעדען, ווי דער קריסט האָט דאָס דערזעהן, און דער בעל־הבית האָט איהם געגעבען די צווייטע פּאָר־ציע כריין; איז ער זעהר בייז געוואָרען, ער האָט געמיינט: אַז די יודען עסען די ערשטע נאַכט פּסח די גאַנצע סעודה בלויז כריין, און די רעשט מאכלים, וואָס זיי גרייטען אָן, איז נאָר צו רייצען דעם אַפּעטיט...

דער כוח־הדם האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען, ער איז געוואָ־רען שטאַרק אויפגעקאָכט, ער האָט זיך אויפגעשטעלט, און מיט גרויס כעס, אַפּער פון טיש, צוגעגאַנגען צו די טהיר און געגעבען א געשריי: — „פאַרפלוכטע יודען! דער טייפעל זאָל אייך נעהמען, מיט אייער פּסח, מיט אייערע ביטערנישען!“...

און שנעל אַרויס פון שטוב געבענדיג א שטאַרקען קלאַפּ מיט די טהיר, אַז אַלע שטוב מענשען זענען דערציטערט געוואָרען. נישט ווּיסענדיג

וואָס דאָ איז געשעהן.

דער בעל־הבית מיט זיין ווייב און קינדער, זיינען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען: זיי האָבען נישט פאַרשטאַנען ווער דער אורח איז, און וואָס איז איהם צוגעקומען, דער בעל־הבית האָט זיך גע־שטאַרקט, און ווייטער געפיהרט דעם סדר; אין האַרצען האָט ער געהאַט שטאַרק רחמנות אויף דעם נפש פון אורח...

דער קריסט איז אנטלאָפען אַ הונגעריגער, צו בייזער, פון דער סטאַנציע, און נישט אויסטערענדיג זיך האָט ער זיך געלעגט אויף די בעטעל, אין גרויס כעס, און יסורים, איז ער געלעגען און געשאָלטען אַלע יודען מיט זייער פסח...

ער האָט געוואָרט אַז זיין יודישער חבר זאָל קומען, וועט ער איהם געבען פאַר זיין פריינדשאַפט, וואָס ער האָט איהם פאַרשאַפט מיט זיין יודישען פסח...

ער איז אָבגעלעגען אַפּאָר שעה אין הונגער, געביסען די ווענד ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויפ'ן יוד, ער האָט נישט געקענט אנטשלאָפען ווערען.

דער יוד איז אריינגעקומען אַ פרעהליכער פון סדר, זעהט ער ווי זיין קאָלעגע ליגט אויפ'ן בעטעל, דער יוד האָט געמיינט—ער וועט זיין פרעהליך. זעהט ער, ווי ער ליגט גאָר בלייך ווי די וואַנד, ליגט און שילט...

פרעגט איהם דער יוד: ווי איז דיר? ערגאַנגען דער סדר? וואָס האָסטו געגעסען? ענטפערט ער איהם מיט כעס: דער טייוועל זאָל אייך נעמען אַלע יודען!...

—וואָס איז געשעהן?—פרעגט איהם דער יוד אַ דערשראָקענער.

—כליין פרעסט אייער פסח—שרייט דער קריסט—איך בין גוט הונגעריג, גיט מען מיר ציבעלע, רעטאַך, טייך און ווידער נייעס... וואָס איז דאָס גאָר אַ מאָלקע? מיר קען זאָגען עסען, ביז מיר זיינען שמאַרקען ווערט עס זאָל דיר ווייטער גוט זיין, דערנאָך, האָבען

מיר קריסטען קענען דאס נישט עסען! בין איך אנטלאפען אין מיט'ן סדר...

* *
*

דער יוד האט זיך שטארק צולאכט, און פרעגט איהם ווייטער:
—און דיין בעל־הבית האט אויך געגעסען גלייך מיט דיר כריין?
—וואס דען? אלע האבען געפרעסען דעם כריין—שרייט דער קריסט.
—פאר וואס־זשע ביזטו ביין?—פרעגט דער יוד.
—און אז דער בעל־הבית האט געגעסען—שרייט דער קריסט — איז מיר שוין געווארען בעסער אין מויל? איך בין הונגעריג—גיט מען מיר כריין! און אז איך האב געזעהן, אז מ'גיט מיר כריין, מיט כריין, איינס נאכ'ן צווייטען, האב איך זיי געזאגט אין טאטענס טאטען אריין און בין אוועק!
—ביזט א נאר—לאכט דער יוד—ביזט אליין שולדיג, ווען דו ווארטעסט נאך איין מינוט, וואלסטו געזעהן וואס דו וואלסט געקריגען נאכ'ן כריין: פיש, יויך, פלייש, קאמפאט און נאך כוסות וויין... דו האסט בעדארפט פערשטעהן, אז דער בעל־הבית איז א רייכער יוד, און עסט כריין, מסתם איז עס נישט גלאט, מסתם וועט ער עסען גוטע זאכען אויך, דו האסט דאך אליין געזאגט: אז ס'איז געווען אנגעגרייט טייערע עסענס—דאס האסטו געהאט—וויל דו ביזט נישט קיין יוד, האסטו נישט קיין געדולד צו ווארטען, מיר יודען קענען ווארטען, און האָגען... און דו האסט נישט געקענט ווארטען נאך איין מינוט...
—האסטו געהאט אזא סוף!...

---

ריאס,—פיהרט אויס דער קאצקער רבי זצ"ל—איז א לימוד, אז א יוד דארף האבען בטחון, און געדולד, די לעצטע מינוט איבערצוטראגען.

## כח.

# דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט.

צום קאָצקער רבי'ן זצ"ל איז געקומען אַ מתנגד הערען דברי תורה, האָט איהם דער רבי געזאָגט: זאָלסט וויסען, אז יעדער מענש כאַטש ער דאַכט זיך איהם, אז ער איז גאַנץ, דאַרף ער וויסען, אז ער האָט אַ פעהלער...

און השי"ת שיקט אַמאָל צו אַ שליחות דורך אַ גוי, דער גוי זאָגט דיר עפּעס אַנדערש, דאַרפסט דו זיך פון דעם אָראָבלערנען וואָס דו האָסט צו טוען...

דער מתנגד האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רבי'נ'ס ווערטער גוט און האַרץ האָט ער איבערגעשפאַרט דעם רבי'ן: אַ מענש, אז ער ווייסט ביי זיך, אז ער איז גאַנץ, דאַרף ער נישט איבערקלערען!

---

ווי ער זיצט אַזוי ביים רבי'ן, קלאַפּט אַ גוי ביים פענסטער און פרעגט: אפשר דאַרף מען עפּעס פאַרריכטען אין שטוב: צובראָכענע כלים; פאַרלייטען, פאַרדראָטעווען?

ענטפערט איהם דער רבי:

—מ'דאַרף גאָרנישט פאַרריכטען.

זאָגט דער גוי: מ'דאַרף יאָ, נאָר איהר ווילט נישט זוכען! אין יעדע שטוב איז דאָ צובראָכענע כלים, איהר ווילט נישט זוכען...

דער גוי איז אַוועק. דער גוי איז אַוועק!

רופט זיך אָן דער רבי צום מתנגד: האָסט געהערט, וואָס דער גוי האָט געזאָגט?

—„דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט!..

דער מתנגד איז אוועק פון רבי'ן, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט.

אויפ'ן וועג געהענדיג, האָט ער אָנגעטראָפען אַ גוי פאָהרען מיט אַ פוהר שטיינער, ווען ער ווי אַ ראָד פון וואָגען גליטשט זיך אַראָב, פאַלט אַראָב דאָס ראָד, און די פוהר שטיינער שיטען זיך אויס.

דער גוי האָט עס בעמערקט, האָט ער אָבגעשטעלט דאָס פערד, און דערזעהענדיג פון ווייטען דעם יוד, שרייט ער צו איהם: הי, זשידקו! קום אַהער העלף מיר אַרויפצוזעצען דאָס ראָד.

ענטפערט איהם דער מתנגד: איך קען נישט!

שרייט דער גוי: דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט!...

* * *

דעם גוי'ס לעצטע ווערטער זענען דעם מתנגד אַריין אין קאָפּ, פון דאָס צווייטע מאָל הערט ער דורך אַ גוי די ווערטער: דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט!

איז ער צוגעגאַנגען צו די פוהר, געהאָלפען אַרויפצוזעצען דאָס ראָד. אַהיימקומענדיג, האָט ער זיך איבערגערעכענט דעם רבי'ס ווערטער, האָט ער געזעהן, אַז דעם רבינ'ס ווערטער זענען ריכטיג: יעדער מענש האָט פעהלערען און ער קען זיי פאַרריכטען, נאָר ער וויל נישט!...

---

„דו קענסט — נאָר דו ווילסט נישט!..."

רט.

# אַ פישעל.

(די מעשה האָט מיר דערצעהלט אַן אַלטער קאָצקער חסיד ר׳ געציל ז״ל).

—לאָזט, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שעהנע מעשה וואָס האָט זיך מיט מיר אַליין געטראָפען: נאָכ׳ן קאָצקער זצ״ל, בין איך געפאָהרען צום חדושי-הרי״ם, און נאָכ׳ן חדושי-הרי״ם זצ״ל, בין איך געפאָהרען צו ר׳ וואָלף סטריקעווער זצ״ל.

איינמאָל, דאַכט מיר, נאָך שבועות איז עס געווען, אויב נישט שפּעטער, בין איך אַוועקגעגאַנגען פרייטאָג פאַרטאָג אין „הורליכס" באַזאַר אַריין, געקויפט אַ לעבעדיג „קאַרפּעל", כ׳געדענק נאָך ווי היינט, כ׳האָב בעצאָהלט: 7 גילדען מיט 14 גראָשען. אָבער אַ קאַרפּ—אַ יונג מיט ביינער!

נאָך וואָס האָב איך איהם געקויפט?—פרעגט איהר. אָט וועט איהר הערען:

—איך האָב געוואָלט פאָהרען אויף שבת צום רבי׳ן, האָב איך מיר מיישב געווען, וויפיל גיב איך אַ פּדיון—אַ רובעל.—אַלץ איינס! דער רבי׳ן וועל איך מיט׳ן רובעל קיין גרויסע טובה נישט טוען, צי אָהן רובעל, צי מיט׳ן רובעל. איך וועל גלייכער קויפען אַ לעבעדיג קאַרפּעל, אפשר וועל איך פונקט טרעפען—אַז דער רבי וועט נישט האָבען קיין אַנדערע פיש אויף שבת, ווי מיינע!...

בין איך אַהיים געגאַנגען, איינגעפּאַקט מיין פּעקעל, גענומען דאָס פישעל אין דער האַנד אַריין, איהם אַריינגעגאָסען אַ ביסעל שפּירטוס אין מויל, ער זאָל נישט פגר׳ן, און מיט גענומען אַ פלעשיל יאַפּאַס, און פאָהר אַרויס צו די באַהן.

איך קום אויפ'ן וואָקזאַל, טרעף איך די גאַנצע חברה „קבצנים" (די אָרימע חסידים וואָס פלעגן מיט פאָהרען צום רבי'ן מיט אַ נגיד,) איך גיב אַ קוק—משה פנחס פוליאַר איז דאָ!

אָ, טראַכט איהר מיר, בחנם געציל דיין מיה, ס'וועט שוין זיין פיש ביים רבי'ן, ווי אין די ווייכסעל!

משה פנחס דערזעהט מיר, זאָגט ער צו מיר: געציל וואו פאָהר-סטו? פאָהרסט מיט—מיט מיר?

—ניין, זאָג איך—איך פאָהר פאַר זיך.

—וואָס האָסטו אין די האַנד?

גאָרנישט, זאָג איך אונטער די נאָז—אַ פישעל!

—פ'ווייס שוין,—שמייכעלט משה פנחס,—אַ מתנה אודאי דעם רבי'ן? בעהאַלט עס דיר, מ'וועט באַלד צוברענגען אַ גאַנצע קולקע פיש!...

איך דרעה מיר אַוועק, פערפאַלען, טראַכט איך מיר, האָב איך נישט געטראָפען. דערווייל ווערט שפעט, מ'הייבט אָן קלינגען צו אונ-זער פאָטשאָנג, משה פנחס שטעהט און קוקט אויס זיינע פיש—מ'זעהט זיי נישט: ער שיקט אַרויס אויסקוקען, מ'זעהט נישט.

און דאָ האַלט מען שוין ביים צווייטען דזוואָנאָק, איך האָב שוין גענומען אַ בילעט, געה איך אַרויס אויפ'ן פעראָן, געה מיר אַרויף אויפ'ן וואַגאָן.

פון וואָקזאַל הער איך קולות, מ'האַלט שוין נאָכ'ן דריטען דזוואָ-נאָק-מ'האָט געברענגט די פיש, משה פנחס הויבט אָן שרייען, לויפט צום נאַטשאַלניק סטאַנציע, ער וויל שוין נישט אַנעמען קיין געלד, ס'איז שוין צו שפעט, זאָגט ער, אויב איהר געהט נישט אַרויס, וועט איהר אויך בלייבען...

משה פנחס האָט געזעהן, אַז ער וועט גאָרנישט מאַכען, האָט ער איבערגעלאָזט די פיש, ער איז אַרויס אויפ'ן פעראָן, און אַריין מיט די גאַנצע חברה זיינע צו מיר אין וואַגאָן.

אַז מ'האָט אָנגעהויבען פאָהרען, זאָגט משה פנחס צו אונז: זאָרגט נישט

יודען, ס'וועט זיין פיש! מיר פאָהרען דורך לאָדז, נישקשה ס'וועט זיין פיש לרוב. דערוויילע, זאָגט ער, לאָמיר נישט זיין פאַר מרה־שחורה'ט, לעבעדיג! קינדער, גיט ער אַ קאָמאַנדעווע, געהט דורך דעם גאַנצען פאָטשאָנג, זוכט אויס אַלע יודען מיט די קוישלעך, מיט די פלעשער, שיקט זיי אַלע אַריין צו מיר אין וואַגאָן, אויב איהר וועט טרעפען פרעמדע חסידים צי אייגענע, שיקט זיי אַלע אַריין צו מיר.

צייט 15 מינוט איז אונזער וואַגאָן פול געוואָרען מיט יודען קיין עי"ה, אַלע יודען מיט די קוישלעך טשעקאָלאַדעס, בייגעלעך, פאָמעראַנצען, וויינטרויבען, סאָדעוואַסער, לימאָנאַדע; קיכעלעך—אַ גאַנצער באַזאַר.

משה פנחס דערזעהענדיג די יודען, גיט ער אַ געשריי: יודען שיט'ס אויס אייער גאַנצע סחורה דאָ אויף די באַנק, איך בעצאָהל פאַר די גאַנצע סחורה מיט די קוישלעך, און עסט מיט

די יודען האָבען אויסגעשיט זייער סחורה, דער גאַנצער עולם האָט גענומען עסען, טרינקען, ס'איז געוואָרען לעבעדיג, דעם גאַנצען וועג ביז לאָדז האָבען מיר געגעסען געזונגען.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין לאָדז, האָט משה פנחס אַרויס־געשיקט אַ מענש, ער זאָל זעהן ברענגען פיש וויפיל ער וועט קריגען.

מיר זענען געפאָהרען ווייטער. אַז מיר זענען אַראָב אויף די לעצטע סטאַציע פון די באַהן, שטעהן דאָרט וועגעלעך; אַז זיי האָבען דערזעהען משה פנחס' פאָהרט, נו, נו! אַלע פוהרמאַנעס האָבען זיך געגעבען אַ לאָז צו די פעקלעך—סכנות נפשות! יעדער פוהרמאַן האָט געכאַפט אַ פעקעל

איך מיט נאָך אַ יוד, האָבען מיר זיך געדונגען אַ בעזונדער וועגעלע, איך האָב נישט געוואָלט אַריינקומען מיט די גאַנצע חברה.

אַז מיר זענען אַריין אין וואַלד, גיב איך אַ קוק, אונזער וועגעלע האָט מען איבערגעיאָגט, און מ'לאָזט אונז נישט ווייטער פאָהרען.

—וואָס איז?

—משה פּנחס הייסט זיך שטעלען.

אַלע וועגעלעך האָבען זיך געשטעלט, מ'האָט אַראָבגעלאַדעוועט עטליכע קאַסטענס. און צייט צעהן מינוט זענען אַלע קאַסטענס גע-ווען אָפען, פון די קאַסטענס האָט מען געמאַכט טישען, און משה פּנחס האָט געגעבען אַ פּריקאַז:

–דאָ אין וואַלד זאָל מען עסען אַ סעודה!

מ'האָט גענומען אַרויסלייגען: טאָרטען, בראָנפּענעס, ווייגען, לי-קערען, סאַרדינען; טייערע הערינג, אַ חוץ געבראָטענע גענז, און דער עולם האָט זיך גענומען צו די סעודה.

אַלע האָבען געגעסען, געטרונקען, אפילו די פּוהרמאַנעס.

מ'האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן, משה פּנחס איז געשטאַנען איי-בער אונז, און געשריגען: עסט יודען! זאָל אייך וואויל בעקומען!

מיר האָבען אָבגעבענטשט, גיט מען אַ קאָמאַנדעווע: פּאָאָטשערעד! איינער נאָכ'ן צווייטען זאָל פאָהרען.

איך קוק מיך אום, מיר פאָהרען גאָר אויף אַ צווייטען וועג. איך הייב אָן שרייען: וואו פאָהרט איהר?

—שאַ, שריי נישט,–ענטפערט מען מיר–מ'ווייסט וואו מ'פאָהרט.

בקיצור וואָס זאָל איך אייך מאַריך זיין, מיר זענען צריינגע-פאָהרען אין אַ פאָלוואַרק צו אַ פּריץ, משה פּנחס איז אַראָב, אַריין צום פּריץ; אַרויסגעגומען אַ הונדערטער–נאַ, זאָגט ער, פּריץ הונדערט קערבלעך, שיק אַרויס אַ פויק, מ'זאָל צוזאַמענרופען אַלע דיינע פּאַ-ראָבקעס, און זאָלסט זיי הייסען כאַפּען פיש!

צייט צעהן מינוט איז דאָס גאַנצע דאָרף גוים געשטאַנען נאָ פלאַצו, דער פּריץ האָט געגעבען אַ קאָמאַנדעווע: דאָ וואָדי, צום וואַסער!

אַלע פּויערים זענען אַוועק צום וואַסער; פאַרצויגען סיטשען, און אָנגעהויבען ציהען, זיי ציהען, ציהען, ביז זיי האָבען אַרויסגע-צויגען אַ ליידיגען „סיטש".

–שלעכט!...

איך האָב דערווייל מיין פישעל מחיה געווען, אָנגעטרונקען, ס׳זאָל לעבען!...

מיר דרעהען אויס דעם דישעל—צוריק!

מיר פאָהרען צו צו סטריקעוו. הינטער די שטאָט, איז אַרויסגע-קומען אַנטקייגען דער משמש. ער האָט שוין געוואוסט; אַז משה פנחס פאָהרט.

דער משמש פרעגט אונז: איהר האָט געברענגט פיש? ביי אונז אין שטאָט איז נישטאָ קיין פיצעל פיש אויף שבת. „איך בעהאַלט מיר".

משה פנחס ענטפערט: ס׳וועט נאָך זיין פיש פון לאָדז.

און אויף דעם שבת איז פונקט געקומען משה פנחס׳עס מחותן פון לאָדז, צוליב אַ שידוך וואָס זיי האָבען צווישען זיך געטוען, האָבען זיי געוואָלט דעם רבי׳ן געבען שדכנות, 1500 קערבלעך, דער רבי איז גע-ווען „שדכן"; זיי האָבען טאַקי געברענגט דאָס שדכנות דעם רבי׳ן אויף שבת.

און דאָ איז נישטאָ קיין „שיפּ" פון קיין פיש—שלעכט!

מיר קומען אַריין אין שטעטעל, ס׳קאָכט, אַזעלכע אורחים, און ס׳איז נישטאָ קיין פיש. דערווייל האָט מען אָבערצעהלט ביים רבי׳ן: אַז איך האָב געברענגט אַ „פישעל", האָט מען מיין פישעל גענומען „בכבוד גדול" צום רבי׳ן אין שטוב אַריין...

און אַז איך בין געקומען שלום נעמען, פרעגט מיר דער רבי:

—געציל, ווי פאַלסטו אויס צו ברענגען אַ פישעל?

—איך וועל דעם רבי׳ן זאָגען—זאָג איך—איך האָב מיר היינט אין דער פריה מיישב געווען: איך גיב דעם רבי׳ן אַ רובעל אַ פדיון, דעם רבי׳ן מאַך איך נישט גליקליך, וועל איך פּרובען: אפשר וועל איך טרע-פען מיט׳ן פישעל?... בין איך געגאַנגען און געקויפט אַ קאַרפּעל.

—וויפיל קאָסט עס? פרעגט דער רבי.

— 7 גילדען מיט 14 גראָשען—זאָג איך.

—פאַריואָס האָסטו צוגעלעגט? פרעגט דער רבי.

—דאָס—זאָג איך—איז שוין אַ קלייניקייט.

דער רבי האָט געשמייכעלט און געזאָגט צו מיר:-געציל, האָסט געטראָפען!...

## מ.

## דער „ווינד".

צום קאָצקער רבי'ן זצ"ל, איז געקומען אַ דאָרפס-יוד, און זיך בּיִי אַ קלאָגט אויף פרנסה: רבי, איך האָב נישט צו בעצאָהלען דעם פּריץ פאַר די פּאַכט, און דער פּריץ מאָהנט מיר דירה געלט; רבי כ'דאַרף געהאָל-פען ווערען!

זאָגט צו איהם דער רבי:

—איך וועל דיר זאָגען, פאָלג מיר און הייב אָן האַנדלען מיט וואָס ס'וועט זיך דיר לאָזען, קוק נישט אויף קיין שום זאַך, וואָס מ'וועט דיר אָנשלאָגען צו קויפען—זאָלסטו קויפען, אַ חוץ גנבות!...

דער דאָרפס-יוד האָט זיך געזעגנט, און אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער אַוועק צו זיין פּריץ אין הויף אַריין איבערפרעגען: אפשר דאַרף דער פּריץ עפּעס קויפען אָדער פאַרקויפען?

אַריינקומענדיג צום פּריץ, האָט ער פּונקט געטראָפען צו אַ באַל, מיט אַ סך פּריצים, דערזעהענדיג דעם יוד, האָבען די פּריצים גענומען שטאַרק לאַכען פון איהם. דער יוד האָט געוואָלט אַרויסגעהן, האָבען איהם די פּריצים נישט געלאָזט; זיין פּריץ רופט זיך אָן: פּאַנאָוויע! איהר ווייסט, איך וועל זיך מיט אייך וועטען, אַז דער יוד וועט קויפען דעם „ווינד!"

אַלע האָבען געגעבען אַ לאַך אַרויס. זיי האָבען זיך צווישען זיך געשפּאַרט: אַלע האָבען געזאָגט אַז ס'איז אוממעגליך: דער יוד וועט נישט קויפען דעם ווינד, דעם יוד'ס פּריץ האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע: אַז דער יוד וועט יאָ קויפען דעם „ווינד".

רופט זיך אָן דער פּריץ צום יוד:

—מאָשקע! איך האָב פאַר דיר אַ מסחר, ווערסט קויפען דעם „ווינד?"

דער יוד איז געבליבען שטעהן, ער האָט געזעהן, אַז מ'וויל איהם מיט עפּעס אויספּרובען, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט דעם רבינ'ס ווער-טער—„אַלץ זאָלסטו קויפען".

ענטפערט דער יוד: יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע דזשעדזשיצו, יאָ, איך וועל קויפען דעם ווינד, נאָר מיט דעם בעדינג, אַז דער פּריץ זאָל מיר אַרויסגעבען אַ קאָנטראַקט, אַז דער ווינד געהער צו מיר, אויף ווי לאַנג דער פּריץ וויל.

אַלע פּריצים זענען געבליבען זיצען פערוואונדערע: וואָס קען אַ יוד אויפטוען מיט'ן ווינד?

רופט זיך אָן דער פּריץ צו די פּריצים: איהר זעהט, אַז איך קען אַ יוד!—אַ יוד וועט אַלץ קויפען, מסתם האָט שוין דער יוד אַ פּלאַן...

בקיצור, דער פּריץ האָט איהם געזאָגט אַ פּרייז 1000 רענדלעך, פאַר 10 יאָהר „ווינד", און דער יוד איז בעשטאַנען, ער האָט געגעבען דעם פּריץ האַנדגעלט, מ'האָט אָנגעשריבען אַ קאָנטראַקט: אַז דער יוד מאָשקע פון דאָרף קוויטקע, קויפט ביים פּריץ דעם ווינד אויף 10 יאָהר פאַר 1000 רענדלעך, צו צאָהלען אַלע יאָהר 100 רענדלעך...

דער יוד האָט צוגענומען דעם קאָנטראַקט, און אַ היים געגאַנגען. אַריינקומענדיג אין שטוב, דערצעהלט ער זיין ווייב: איך האָב געקויפט ביים פּריץ דעם „ווינד"

קוקט איהם אָן דאָס ווייב און שרייט: ביזט משוגע צי חסר-דעה, וואָס הייסט דו האָסט געקויפט דעם ווינד? האָסט נישט וואו אהינצוטוען דאָס געלט?

זאָגט ער צו איהר: שרעק זיך נישט מיין ווייב, איך בין נישט משוגע, דער רבי האָט מיר געהייסען אַלץ קויפען, מעג זיין אַפילו ווינד, וועסטו זעהן, אַז השי"ת וועט אונז העלפען, מיר וועלן האָבען פּרנסה פון „ווינד"...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז דער יוד אַרויס איבער אַלע דערפער וואָס האָבען געהערט צום פּריץ, ער איז אַוועק צו אַלע אייגענטימער'ס פון די ווינד-מיהלען און זיי פאַרווערט צו מאָהלען אויף זייערע ווינד-מיהלען!...

—דער „ווינד" איז מיינער! זאָגט דער יוד—דאָ האָט איהר שוואַרץ אויף ווייס פון פּריץ, אַז דער ווינד געהער צו מיר—אויף 10 יאָהר! אויב איהר ווילט מאָהלען אויפ'ן וויעטראַק?—מוזט איהר ביי מיר אָב-דינגען דעם ווינד.

די מיהלנער'ס האָבען אין אָנפאַנגס געלאַכט, נאָר זעהענדיג ביים יוד דעם קאָנטראַקט, מיט'ן פּריצ'ס חתימה, האָבען זיי אויפגעהערט לאַכען, און יעדער מיהלנער האָט געדונגען ביים יוד דעם „ווינד", און בעצאָהלט צו עטליכע הונדערט רענדלעך אַ יאָהר...

## מא

# ווי הייסט דיין מאמע?

צום אלטען קאָצקער זצ״ל, איז אמאל געקומען זיינער א ברודער. דער משמש האָט איהם נישט געוואָלט אריינלאָזען אויסער די שורה, דעם רבי׳נס ברודער האָט זיך אויפ׳ן משמש געבייזערט:

— דו ווייסט ווער איך בין?—זאָגט דער יוד—דער „רבי" איז מיין ברודער!

— ביי מיר—זאָגט דער משמש—איז קיין חלוק נישט, אלע יו־דען זענען ביי מיר גלייך: „ווער ס׳קומט פריהער—דער מאָהלט פריה־ער"...

דעם רבי׳ס ברודער האָט זיך נאָך מעהר געבייזערט אויפ׳ן משמש, ער האָט נישט געוואָלט שטעהן און וואַרטען; רופט זיך אָן דער משמש:

— איהר ווייסט, וואָס איך וועל טוען, איך וועל אריינגעהן צום רבי׳ן איבערפרעגען: צי זאָל איך אייך אריינלאָזען אויסער די שורה, צי נישט?

דער משמש איז אריין צום רבי׳ן, און זיך געזוימט דאָרט א לענגערע צייט, ווען ער איז אַרויסגעקומען, זאָגט ער צום יוד:

— דער רבי האָט אייך געהייסען אונטערוואַרטען; אלע יודען—זאָגט דער רבי—זענען זיינע ברידער...

דער יוד איז געבליבען שטעהן פאַרשעמט, ער האָט זיך אוועקגע־שטעלט צווישען אלע חסידים. דער רבי זצ״ל האָט אָנגענומען אלע חסידים, לויט די שורה, אפשר צוויי שעה האָט אָבגעדויערט ביז ס׳איז אָנגעקומען צום רבי׳נס ברודער. ער איז אַריין אין שלום שטיבעל, צו געגאַנגען צום רבי׳נס טיש. דער רבי האָט איהם געגעבען שלום, דער ברודער האָט זיך מזכיר געווען: „היות ער איז קראַנק, ער דאַרף א רפואה שלמה", רופט זיך אָן דער רבי זצ״ל:

— ווי הייסט דיין מאַמע?

— מיר זענען דאָך ברידער! — זאָגט דעם רבי׳נס ברודער, און קוקט אויפ׳ן רבי׳ן מיט שרעק...

רופט זיך אָן דער רבי זצ״ל:

— פון די אייגענע פליצעס ווייס איך נישט, זאָל איך וויסען ווי דיין מאַמע הייסט!...

---

דאָס איז דער סוד פון פסוק — זאָגען אַלטע חסידים — פון „האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו, ואת אחיו לא הכיר״...

---

די מעשה האָט צוגעשיקט דער ה׳ אימבער פון וואַרשא.

מז

# אין אַ ווינטער נאַכט.

אין אַ גרויסע ווינטער נאַכט, איז געזעסען דער אַלטער קאָצקער רבי זצ״ל און געלערנט, ס׳איז יענעם ווינטער געווען שטאַרקע פרעסט. דער רבי איז געזעסען ביים אויווען און געלערנט.

דער רבי האָט געהאַלטען אין מיטען אַ שיטה, ער האָט זעהר הויך געלערנט; ביים רבי׳ן אין שטיבעל איז אויסער רבי׳ן קיינער נישט געווען. די פענסטער זענען געווען שטאַרק פאַרפרוירען, דער רבי האָט נישט געהערט ווי ס׳איז פאַר פאַהרען פאַר׳ן פענסטער אַ שליטעלע, און אַ יוד האָט זיך אַריינגעפרעגט צום רבי׳ן.

אין פאָדער-שטוב איז געזעסען ביים אויווען דער משמש און גע-דרימעלט. דער יוד איז אַריינגעקומען אין שטוב שטאַרק פאַרפרוירען, אַנגעטאָן אין אַ גרויסען פעלץ, ער איז געווען אַרומגענומען אינגאַנצען

מיט פראָסט. דער משמש האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפרעגט דעם יוד, וואָס ער וויל.

רופט זיך אָן דער יוד:

— דאָ וואוינט דער רבי?

— יאָ—ענטפערט איהם דער משמש—וואָס דאַרפט איהר

דער יוד האָט אָוועקגעשטעלט די בייטש נעבען די טהיר, אראָב־געשאָקעלט פון זיך דאָס אייז, ער האָט זיך אַ ביסעל פאַנאַנדערגעקלאַפּט די הענט, ער זאָל זיך דערוואַרעמען, און געזאָגט צום משמש:

— איך דאַרף נעטיג אריינגעהן צום רבי׳ן, איך קום פון אַ דאָרף צעהנדליגער וויאָרסט פון דאַנען, כ׳בין אַמישנע געקומען צום רבי׳ן וועגען אַ מקשה לילד, מיינע אַ בת יחידה, זי געהט שוין דריי טעג צו קינד, ס׳איז סכנת נפשות, לאָזט מיך אריין צום רבי׳ן.

— שאַט, וואַרט הינטער אַ מינוט—זאָגט דער משמש—איך וועל צוגעהן צו די טהיר, דער רבי האַלט אַצינד אין מיטען שיעור, איך וויל איהם נישט מפסיק זיין, שאַ־אַ־אַ!

דער משמש איז צוגעגאַנגען אויף די שפיץ נעגעל צום רבי׳נס טהיר, דער רבי האָט זעהר הויך געלערענט, דער רבי איז געווען זעהר שטאַרק פאַרקאָכט אין לערנען, דער משמש האָט מורא געהאַט אריינ־צוגעהן. דער יוד איז צוגעגאַנגען צום משמש אויך אויף די שפיץ נע־געל, און מיט טרעהרען אין די אויגען, האָט ער געבעטען דעם משמש, ער זאָל אריינגעהן מזכיר זיין צום רבי׳ן, דער יוד האָט צוגעזאָגט דעם משמש אויף בראָנפען; דער משמש איז געשטאַנען מיט איין אויער צו געבויגען צו די טהיר, און מיט איין האַנד האָט ער געמאַכט צום יוד:

— שאַ, זאָל זיין שטיל!

דאָס האָט אָבגעדויערט שיינע עטליכע מינוט, דער יוד האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען, ער איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען, דער משמש האָט מורא געהאַט צו עפענען די טהיר, דער יוד האָט געבעטען דעם משמש מיט גוטענס, מיט בייזענס, ס׳האָט נישט גע־

האָלפען, דער משמש האָט אַלײן מורא געהאַט אַרײנצוגעהן.

אַ קלײניקײט, מפסיק זײן דעם רבי׳ן אין מיטען שיעור!

דער יוד ה׳האָט געזעהן, אַז דער משמש האָט מורא, זאָגט ער צום משמש: איך װעל אַלײן אַרײנגעהן!

דער משמש האָט איהם נישט געלאָזט, זײ האָבען זיך געאַמפּערט, דער יוד האָט זיך שיעור נישט געשלאָגען מיט׳ן משמש. דער רבי האָט אַלץ נישט געהערט, דער רבי איז כסדר געזעסען און געלערענט.

דער יוד האָט אַװעקגעװאָרפען דעם משמש, ער האָט מיט בײדע הענד געגעבען אַ פּראַל אויף די טהיר, און אָנגעהויבען שרײען און װײנען:

— הײליגער רבי, אַ יודישע טאָכטער איז אין סכנה, שוין דרײ טעג װי זי איז אַ מקשה לילד, ס׳איז סכנת נפשות, זי איז אויף אַ דאָרף, נישטאָ דאָרט קײן דאָקטאָר, אין דרויסען איז אַ גרויסער פראָסט, מ׳קען איהר נישט ברענגען אין שטאָט אַרײן, רבי לעבען האָט רחמנות, זײט מתפּלל פאַר איהר, זי זאָל בשלום איבערקומען!...

דער יוד האָט אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליך געװײן װי אַ יודענע, װען זי רײסט אײן אַ׳אָרון־קודש!...

דער יוד האָט אויסגעזעהן פון דערװײטענס װי אַ פויער, דער רבי האָט זיך פאַר איהם דערשראָקען, נאָר קוקענדיג עטליכע מינוט אויפ׳ן יוד, װי ער שרײט, און רײסט זיך אַרײן אין שטיבעל, און דער משמש לאָזט איהם נישט, האָט זיך דער רבי אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו די טהיר, און אַ געשרײ געטוען אויפ׳ן יוד:

— כ׳בין דאָך נישט קײן גאָט, װאָס װילט עטץ פון מיר, װאָס שרײסטו צו מיר, שרײ צו גאָט!...

דער רבי איז געװען זעהר בלאַס, און געהײסען דעם יוד אַרויסגעהן. דער משמש האָט איהם אַרויסגענומען פון רבי׳נס שטיבעל, צוגעמאַכט די טהיר, דער רבי האָט זיך װײטער געזעצט לערנען. דער יוד איז געבליבען שטעהן שטאַרק צומישט, ער האָט נישט געװאוסט, װאָס זאָל ער טוען, און דאָ--אַזאַ ענטפער!!

דער משמש האָט איהם געפּרובט טרייסטען:

— גאָט וועט העלפען, זי וועט אי״ה בשלום איבערקומען, ווייניגסט מסתם, אַז דער רבי האָט אייך אַרויסגעשטופּט, ווייס דער רבי וואָס ער טוט...

דער יוד האָט זיך נישט געקענט שענקען, ער איז נאָכאַמאָל אַר צום רבי׳נס טהירל, און מיט מעהר קוראַזש האָט ער אויפגעריסען די טהיר, צו צום רבי׳נס טישעל, צוגעפאַלען מיט ביידע העגד צום רבי׳נס פ״ס, און אָנגעהויבען הויך צו וויינען און שרייען, דער רבי אוז געבליבען זיצען דערשראָקען, אויף די געשרייען פון יוד זענען אָנגעלאָפען די רביצין מיט די קינדער, ס׳איז געוואָרען אַ טומעל, אַלע האָבען זיך געפרעגט: וואָס איז דאָ?

דער משמש האָט זיי דערצעהלט פון יוד, אַז זיינע אַ טאָכטער, צי אַ שנור, געהט שוין דריי טעג צו קינד, ס׳איז סכנת נפשות, דער רבי האָט איהם נישט געוואָלט אָננעמען, איי ער אַליין אריין אויפ׳ס כח, ער וויל נישט אָבטרעטען, ער וויל אַ ברכה, צי אַ סגולה.

אַלע ווייבער האָבען גענומען זיך ווישען די אויגען, די רביצין האָט זיך געווענדעט צום רבי׳ן:

— מענדיל, זאָג איהם עפּעס, זעהסט דאָך ס׳איז דאָך פּקוח־נפש, אַ מקשה לילד, אַ יודישע טאָכטער!

דער רבי איז געזעסען דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט איבער די גמרא, און גאָרנישט געענטפערט. ווען די רביצין האָט געענדיגט, האָט זיך דער רבי אויפגעשטעלט, און אָנגעהויבען האַסטיג אַרום געהן איבער די שטוב. דער יוד איז אַלץ געלעגען אויף דער ערד, שטאַרק געוויינט, ער האָט געמוועט ווי אַנ׳אָקס, ס׳זענען זיך אָנגעלאָפען שכנים, אַ פולע שטוב, אַלע האָבען זיך געפרעגט, וואָס דאָ איז געשעהן, דער רבי האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען שטוב, און אָנגעהויבען שרייען:

— וואָס מיינען זיי די דאַרפס יודען, זיי מיינען, אַז איך בין אַ גלח, ער קושט מיר אין די שטיוועל אריין, איך בין נישט קיין גאָט

פאָהר אַהיים, בעט גאָט, וועט זי בשלום איבערקומען !...

דער רבי איז שטאַרק צוקאָכט געווען, ער האָט נישט געקאָנט קוקען אויפ'ן יוד, ווי ער איז געלעגען אויף דער ערד, און געשריגען מיט שרעקליכע קולות:

— רבי ד'האָט רחמנות, אַ בת יחידה, זי געהט שוין דריי צו קינד, איך וואוין מיט מיין איידעם אויפ'ן דאָרף, עס איז דאָרט נישטאָ קיין דאָקטאָר, מ'קען איהר נישט ברענגען אין שטאָט אריין, קיין דאָקטאָר וועט נישט וועלען פאָהרען אין אַזאַ פראָסט, רבי העלפט, נאָר איהר הייליגער רבי קענט העלפען. איך וועל נישט אַוועקגעהן פון דאַנען, ביז איהר הייליגער רבי וועט מיר נישט צוזאָגען, אַז זי וועט בשלום איבערקומען !...

— — — — — — — — — — — — —

דעם רבי'נס שלום-שטיבעל איז שוין געווען פול מיט מענשען, אַלע שכנ'טעס זענען געשטאַנען און געוויינט. טייל ווייבער האָבען דעם יוד נאָך צוגעגעבען מוט, ער זאָל נישט אָבטרעטען, דער רבי מוז איהם געבען אַ ברכה, נאָר אַצינד !...

דער רבי איז געשטאַנען ביים פענסטער, דעם שטערען צוגעשפאַרט צו אַ שויב, וועלכע איז געווען שטאַרק פאַרפרוירען, איין שטוב האָט געהערשט אַ טויט שרעק, אַלע זענען געווען אויפגערעגט, די עלטערע יודען זענען געשטאַנען און געזאָגט שטילערהייט תהלים. פון די ווייבער האָט זיך געהערט אַ שטיל שליקעכצען. דער יוד האָט געקרעכצט ווי א צו הרג'עטער אָקס, אַלע האָבען געקוקט צום רבי'ן, די שטימונג אין שטוב איז געווען אַ שרעקליכע, אין דעם גיט זיך דער רבי אַ שטעל אַוועק אין מיטען שטוב, און הויבט אָן שרעקליך שרייען:

— בהמות, אָקסען, וואָס זענט איהר געקומען אַהער, וואָס בין איך אַ גאָט צי קאָן איך מחיה-המתים זיין, זיי מיינען, אַז איך, מענדיל קאָצקער האָב אַ דעה אין הימעל, אז איך זאָל וועלען, קאָן איך מאַכען פון דעם פראָסט—אַ היץ

בהמות! פערד! אַרויס! אַרויס! אַרויס!!,

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער משמש האָט אַלע אַרויסגעטריבען, פון רבי׳נס שטיבעל, און צוגעמאַכט די טהיר, דער יוד האָט נישט געוואָלט אַרויסגעהן, ער איז געבליבען ליגען אויף דער ערד, זיין פעלץ איז געווען צושפרייט איבער׳ן שטוב, ער האָט אויסגעזעהן ווי משוגע, דער רבי האָט זיך געזעצט צוריק לערנען, זיין קול איז געגאַנגען, וואָס אַמאָל העכער און העכער, ס׳האָט אויסגעזעהן ווי דער רבי וויל פאַרגעסען אין דעם גאַנצען עסק!..

דער יוד איז געזעסען אויף דער ערד, ווי אַ יונגעל, וואָס דער רבי האָט איהם אָבגעשמיסען, און איז ברוגז אויפ׳ן רבי׳ן, וויל ער נישט אהיים געהן...

דער יוד איז אַזוי געזעסען אפשר אַ שעה אויף דער ערד, דער רבי האָט כסדר געלערענט מיט גרויס התמדה, קיינער האָט איהם נישט געשטערט, טיילמאָל האָט דער יוד אַרויסגעלאָזט אַ הויכען זיפץ, דער רבי האָט איהם גאָרנישט געזאָגט.

ווען דער רבי האָט צוגעלערנט צו אַ ענין, דאָט דער רבי אַוועקגעלעגט זיין פאַטשיילע אויף די גמרא, און גענומען קוקען אויפ׳ן יוד.

דער יוד האָט דערשפירט, אַז דער רבי איז שטיל געוואָרען, האָט ער אויפגעהויבען זיינע וויינענדיגע אויגען אויפ׳ן רבי׳ן; דער רבי האָט איהם עטליכע מינוט גלייך אָנגעקוקט, דערנאָך זאָגט דער רבי צו איהם:

— דיין פערדעל איז שוין באַלד געפרוירען געוואָרען, וואָס זיצסטו נאָך דאָ?

דער יוד האָט ווייטער גענומען וויינען, אָבער שוין נישט מיט אַזאַ יאָמערדיג קול, און זאָגט צום רבי׳ן:

— איך קען נישט אַהיימפאָהרען, רבי לעבען העלפט מיר!

— וואס קען איך דיר העלפן—זאגט דער רבי געלאסענער—אדרבא זאג, קיין דאקטאר בין איך נישט, און קיין גאט אוודאי נישט, מאכער אויב, און גאט וועט איהר מסתמא העלפן!

דעם רבי'נס לעצטע ווערטער זענען דעם יוד אריין אין קאפ, ער האט זיך אויפגעשטעלט, געשטאנען א פאר מינוט, געזעגענט זיך מיט'ן רבי'ן, און איז ארויס פון רבי'נס שטיבעל.

דער משמש איז געזעסן און געדרימלט, ווי ער דערזעהן דעם יוד, האט ער איהם געוואלט טרייסטן; דער יוד האט נישט געוואלט הערן, ער האט גענומען זיין בייטש, ארויס צום פערדעל, זיך אויפגעזעצט אויפ'ן שליטעלע, און שנעל אהיימגעפאהרען.

* * *

אויף צומארגענס בייטאג איז דער זעלבער יוד געקומען א פריי־ליכער צום רבי'ן, דער משמש האט איהם געפרעגט:

— נו, וואס הערט זיך, סקומט אייך שוין א מזל טוב?

— א פאטעלטען מזל טוב—שמייכעלט דער יוד—מיין טאכטער האט געהאט צוויי זיהן!

דער משמש האט דעם יוד אריינגעלאזט צום רבי'ן, דער רבי האט איהם אנגענומען מיט א שמייכעל:

— נו, האסט בעדארפט מיין ברכה?

— רבי—זאגט דער יוד א פריעהליכער—אייערע לעצטע ווערטער פון נעכטען ביינאכט, האבען געהאלפען, ווען איהר האט מיך נעכטען ביינאכט געהייסען אהיימפאהרען, אין די מינוט איז מיין טאכטער גע־האלפען געווארען!..

דער רבי האט געשמייכעלט:

— נו, וואס האט זי געהאט, א זכר, צי א נקבה?

— צוויי זיהן האט זי געהאט—זאגט דער יוד מיט בצחון—

אָבער יונגען!

דער רבי האָט גענומען לאַכען: נו, קומט דיר טאַקי אַ טאָפּעלטען מזל טוב, מעגסט הייכען געבען בראָנפּען...

דער יוד איז אַריין אין בית המדרש און געהייסען אַלע חסידים טרינקען בראָנפען אויף זיין חשבון...

## מג

# דער אַלטער „כלי-זמר"

אין קאָצק איז געווען אַ בעוואוסטער „כלי-זמר", בערישל שד—האָט מען איהם גערופען—ער איז געווען אַ גוטער שפּילער, ער פלעגט שפּילען אויף חתונות די ערשטע פידעל, קיין נאָטען האָט ער נישט געקאָנט, ער פלעגט אַלץ שפּילען פון „סלוך".

בשעת דער אַלטער קאָצקער רבי זצ"ל, האָט חתונה געמאַכט זיין ערשטע טאָכטער, האָט מען צו־אויף די חתונה אַראָפּגעבראַכט עטליכע פּאַרטיעס כלי-זמרים פון שעדלעץ, פון לוקאָווע, ס'זענען געווען אויף די חתונה די בעסטע פידלערס פון יענע ערטער.

אַ פּאָר וואָכען פאַר די חתונה, האָבען זיך די קאָצקער כלי-זמרים, צוגעגרייט נייע מאַרשן, נייע „שטיקלעך" צום בעדעקענס, און צו די חופּה.

אַממייסטען האָט געאַרבייט בערישל „שד", ער האָט אַ פּאָר וואָכען פאַר די חתונה גאַנצע נעכט נישט געשלאָפען, ער האָט זיך אויסגעלערנט זעהר שיינע זאַכען: אַ שיינעם „קבלת פנים" פאַר'ן חתן, אַ שיינעם „בעדעקעכץ", די גאַנצע קאַפּעליע זיינע, האָט איהם געלויבט

פאַר זיינע נייע זאַכען.

בערישל האָט זיך געוואָלט בעוויינען פאַר די פרעמדע מחותנים זאָלען זיי זעהן, וואָס קאַצקער כלי־זמרים קענען...

בערישל „שד", איי שוין אפילו נישט געווען קיין יונגערמאַן, מ'האָט געשמועסט, אַז ער איז שוין דאַמאָלסט אַלט געווען אַריבער „שישים", נאָר געשפּילט האָט ער — בעסער ווי אַ יונגערמאַן.

אַלע זיינע חברים האָבען פאַר איהם מורא געהאַט, ער איז גע־ווען אַ גרויסער בעל־כעס'ן, ער איז געווען אַ „כהן", אַז ס'האָט ווער פון זיין „קאַפּעליע" געמאַכט אַ פאַלשען טאָן, פלעגט ער אין מיטען שפּילען געבען מיט'ן סמיטשיק איבער'ן קאָפּ, אָדער אַ קאָפּ טאָן מיט'ן פוס, אַז יענער פלעגט זיך איבערדרעהען...

זיין קאַפּעליע האָט איהם שוין געקענט, דערפאַר האָבען זיי איהם טאַקי גערופען „שד".

זיי פלעגען בעת'ן שפּילען אכטונג געבען, נישט צו שטעהן באַהנט געבען איהם, אַממייגסטען האָט פון איהם געליטען בעריל באַס, ער פלעגט אַלעמאָל זיצען מיט זיין באַס נעבען בערישלען, פלעגט ער איהם אויסטיילען געברענטע צרות.

די לעצטע נאַכט פאַר די חתונה, איז צו בערישלען אין שטוב אריין, צוזאַמען געקומען די גאַנצע קאַפּעליע: די „שד'עליכע" — ווי די חברה „לצים" פלעגען איהר רופען — האָט צוגעגרייט געפּרעגעלטע ראַ־צעכעס אויף אייל, חברה „כלי־זמר", זענען געקומען היינט פּינקטליך, היינט האָט געזאָלט זיין די לעצטע פּראָבע, און בעזונדערס האָבען היינט געדאַרפט אָנקומען די פרעמדע כלי־זמרים, האָבען די קאָצקער כלי־זמרים געוואָלט זיין צוזאַמען, זיך באַקענען מיט פרעמדע חברים, הערען נייע זאַכען, און גלאַט אַ שטיף טוען.

בערישל האָט די נאַכט זעהר שווער געאַרבייט, ער אַליין האָט אויסגעשפּילט אַלע זיינע „שטיקלעך", אַלע נייע און אַלטע, חברה האָ־בען די נאַכט זעהר שווער געאַרבייט.

אַרום צעהן אַ זייגער ביינאַכט האָט בעריש׳ל געהייסע וזיך אָב־רוהען, און געהייסען זיין „שר׳ליבע” אַרויַנדערלאַנגען די ראַצעכעס.

די חברה זענען געוואָרען פרעהליך, טייל האָבען זיך געוויצעלט איבער די מאָרגענדיגע חתונה, טייל האָבען זיך געשלאָגען, געטשעפעט זיך, בעריש׳ל אַליין איז געזעסען שטאַרק פאַרקלערט.

ווען די חברה האָבען זיך אַ ביסעל אָבגערוהט, רופט זיך אָן בעריש׳ל:

— חברים, איך וויל אייך עפּעס זאָגען.

אַלע זענען געוואָרען שטיל. בעריש׳ל איז פון שטענדיג געווען אַ קנאַפּער רעדנער, נאָר דאָס מאָל האָט ער די ווערטער זיינע געזאָגט אַזוי ערנסט, אַז אַלע חברים זיינע, זענען שטיל געוואָרען, זיי האָבען פאַר איהם געקריגען דרך־ארץ, אַנ׳אימה איז אויף זוי בעפאַלען, און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— איהר ווייסט, אַז מיר וועלען מאָרגען ביינאַכט דאַרפען שפּי־לען פאַר׳ן רבי׳ן? און ווער אונזער רבי איז, דאַרף איך אייך נישט זאָגען. בעט איך אייך, אַז ווער פון אייך ס׳פילט זיך זינדיג, זאָל מאָרגען ביינאַכט נישט קומען שפּילען...

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט מיט אַזא שטילען און ערנסטען טאָן, ווי מ׳זאָגט „תפלה־זכה”, אָדער „למנצח” פאַר תקיעת שופר...

אַלע האָבען זיך איבערגעקוקט, זיי האָבען נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט, אַנ׳אַנדערש מאָל וואָלטען זיי אַרויסגעלאַכט נאָר דאָס מאָל האָבען אַלע געשוויגען, טייל האָבען אין זינען געהאַט: בעריש׳ל איז אויף דער עלטער געוואָרען אַ „בעל־תשובה”...

מ׳האָט דערפון מעהר נישט גערעדט.

אַרום צוועלף ביינאַכט זענען אָנגעקומען די פרעמדע „כלי־זמרים”, ס׳איז געוואָרען אַ יריד, אַ געטומעל, מ׳האָט אַראָבגעטראָגען די „כלים” חברה האָבען זיך בעקענט. בעריש׳ל האָט געקענט אַלע פרעמ־

דע חברים, ער איז געווען מיט אלע אויף „דו.״ די עלטערע כלי-זמרים האָבן צווישען זיך גענומען שמועסען מכח געלד, וויפיל פראָצענט יע-דע פּאַרטיע זאָל נעמען. די יונגערע האָבן זיך געגעבען שלום-עליכם, בעוואָרען היימיש, בערישל איז געוואָרען דער פיהרער פון אלע 3 קאַפּע-ליעס, ער האָט איינגעטיילט צווישען די עלטערע פידלער די „שטיקלעך״ וואָס יעדערער זאָל שפּילען. בערישל אליין האָט פאַר זיך גענומען דעם „קבלת-פּנים״ פאַר׳ן חתן (דאָרט וועט זיין דער רבי). די כלה אָב-שפּילען האָט ער איבערגעגעבען די פרעמדע חברים, צו די חופּה זאָלען אלע שפּילען צוזאַמען, ביים „טיש״ זאָל ער זיין דער אָנהויבער—אַזוי האָט ער איינגעטיילט די פּאַרטיעס, יעדען זיין „שטיק״.

א גאַנצע נאַכט האָבן זיי געשפּילט, יעדער האָט בעוויזען וואָס ער קען. בערישל האָט ווייניג געשפּילט, ער האָט זיך אָוועקגעזעצט שמועסען מיט אַ פרעמדען חבר, אוין אָנ׳ערשטער פידלער, ווענען זעהר אַ ערענסטע זאַך.

---

אויף צומאָרגען׳ס אַ גאַנצען טאָג זענען די פרעמדע כלי-זמרים געשלאָפען, פאַרנאַכט צו, זענען אלע צוזאַמען געגאַנגען אויף די חתונה.

צום ערשטען האָבן זיי אָפּגעשפּילט ביי די כלה, בעזעצט זי, די מיידלעך האָבן גענומען טאַנצען. בערישל איז געווען זעהר ערענסט, ער האָט מיט קיינעם גאָרנישט גערעדט.

שפּעטער ווען מען האָט בעדאַרפט געהן אָפּשפּילען דעם „קבלת פּנים״ צום חתן, האָט ער איבערגעגעבען זיין אָרט אַ פרעמדען חבר, אויך אָנ׳ערשטער פידלער, און אליין איז ער אַוועק צום חתן, מיט זיין יַשטאַטישע קאַפּעליע, אָפּשפּילען דעם „קבלת-פּנים.״

אויפ׳ן וועג האָט ער מיט קיינעם גאָרנישט גערעדט.

אַרייַנקומענדיג אין הויז, וואו דער חתן איז אייַנגעשטאַנען, האָבען זיי דערזעהן, אַז אַלע שטיבען זענען פול געפּאַקט מיט חסידים, אַ פּאָרע האָט אַרויסגעשטראָמט פון די שטיבען, ס'איז אוממעגליך געווען אַרייַנצוגעהן, דער רבי איז דאָרט געווען, דאָס ענגשאַפט איז געווען שרעקליך, די כלי-זמרים האָבען גענומען שרייַען צו די חסידים, מען זאָל זיי אַרייַנלאָזען אָבשפּילען דעם „קבלת פנים", אָבער ווער האָט זיי געהערט.

בערישל איז געבליבען שטעהן אין הויז, ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טוען, רופט זיך אָן אַ יונגעל פון די קאַפּעליע:

— לאָמיר אָנהייבען שפּילען הינטערן פענסטער, וועט מען אונז אַרייַנלאָזען...

בערישל האָט דאָס יונגעל געשענקט אַ פּאַטש:

— דו ווייסט, אַז דער רבי זיצט דאָ, וואו איז דרך-ארץ?

דאָס יונגעל האָט זיך אָבגערוקט, ער האָט גאָרנישט געענטפערט. אפשר אַ האַלבע שעה זענען זיי געשטאַנען אין הויז, זיי האָבען נישט געקענט אַרייַנגעהן, זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טוען.

בערישל האָט געוואַרט אויף אַ נס, אפשר וועט מען פון טיש אָנהויבען רופען די כלי-זמרים, וועט ער זיך אַרייַנפּאַקען, אַזוי איז אוממעגליך געווען אַרייַנצוגעהן.

ער האָט אָבער געזעהן, אַז מ'רופט איהם נישט, ד'האָט ער זיך געפּרובט נעמען אַרייַנפּאַקען אויפ'ס כח, אָבער ס'איז אוממעגליך געווען, אַלע שטיבען זענען געווען פאַרפולט מיט חסידים.

דערווייל האָט ווער אָבדערצעהלט בּיים טיש, אַז די כלי-זמרים שטעהען אין הויז, זיי קענען נישט אַרייַנגעהן, האָבען די מחותנים אָנגעהויבען שרייַען:

— כלי-זמרים, כלי-זמרים, וואו זענט איהר? קומט אַרייַן. לאָזט זיי אַרייַן!

די כלי-זמרים האָבען זיך גענומען אַרייַנשטופּען אויפ'ס כח, די

חסידים האָבען זיי ביסלעכווייז דורכגעלאָזט, די „כלים" האָבען זיי גע־האַלטען איבער די קעפּ, קוים מיט גרויס שטופּעניש האָבען זיי זיך צוגעשטופּט צום טיש.

דער רבי איז געזעסען נעבען חתן, געשמועסט מיט די חסידים אין לערנען, ביים טיש זענען אַלע נעלעגען צוגעבויגען, ס'איז שווער געווען צו דערזעהן דעם חתן.

דערווייל האָט ווער פון טיש זיך אָנגערופען

— די כלי־זמרים זענען דאָ.

דער רבי האָט אַ מאַך געטוען מיט די האַנד, ס'האָט געהייסען: זיי קענען אָנהויבען שפּילען.

מ'האָט די כלי־זמרים געהייסען שפּילען, בערישל האָט זיך צוועק־געשטעלט נעבען חתן, די רעשט כלי־זמרים נעבען איהם, ער איז גע־ווען שטאַרק פאַרשוויצט, קוים מיט צרות האָט ער געקאָנט אויסציהען אַ האַנד, גענומען שטעלען די פידעל, ציהען אַ טאָן, אַלע זענען גע־וואָרען שטיל, דער בדחן האָט אָנגעהויבען זאָגען אַ פּאָר ווערטער, און באַלד האָט דער בדחן אויסגעפיהרט, אַז די כלי־זמרים זאָלען אָבשפּי־לען אַ שיינעם „קבלת־פּנים" פאַר'ן חתן.

בערישל האָט אָנגעהויבען זעהר אַ טרויעריגען שטילען ניגון, מיט גרויס ערענסט האָט ער געשפּילט, די טענער זייגע זענען געווען אַ גאַנ־צער מאַמר, אַ דרשה, ער האָט מוסר געזאָגט, געשטראָפט, געהייסען זיך מתודה זיין, זיין פידעל האָט געוויינט, געבעטען זיך, די טענער זענען פילמאָל געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי טיף, אַז זיי האָבען אויף אַלע צו־הערערס געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, אַלע זענען געוואָרען זעהר ערענסט, אַ טרויער איז אויף אַלע בעפאַלען, אַ הרהור תשובה, קרעכצען האָט זיך ארויסגעריסען פון יעדענס האַרץ, קיינער האָט נישט געשטערט דאָס שפּילען, זיין פידעל האָט געצויגען ביי די נשמה, מיטגעריסען, מ'האָט זיך פאַרגעסען, וואו מען איז, מ'האָט כמעט נישט בעמערקט בערישלען, ער איז צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען מיט די פידעל. דער חתן איז גע־

זעסטן פארשטעלט דאָס פנים, דער רבי איז געזעסטן אָנגעשפּאַרט אויף ביידע-עלענבויגענס, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט. מ'האָט געזעהן ווי דער רבי איז שטאַרק גערירט פון בערישלס שפּילען.

די רעשט כלי-זמרים האָט מען כמעט נישט געהערט, זיי האָבען בלויז צוגעשפּילט צום טאַקט, בערישלס פידעל האָט געוויינט, געבעטען זיך רחמים, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז בערישל וועט אַזוי שפּילען און שפּילען אָהן אַנ'עק און אָהן אַ סוף...

עפּעס האָט מען אין זיין שפּילען געפיהלט, ווי ער וואָלט געשפּילט דעם אייביגען אמת'ן ניגון, אַזאַ ניגון, וואָס ציהט זיך שוין פון דור דורות, ער דערצעהלט אונזער יחוס, אונזער היסטאָריע, ער הייבט אָן פון מעשה בראשית, געהט איבער צו אַברהם אבינו, צו יעקב'ן קיין מצרים, דערצעהלט אַלע יודישע צרות, דערנאָך ווייטער ווי משה פיהרט אַרויס די יודען פון מצרים, ווי ער פיהרט זיי דורכ'ן ים-סוף, ווי די יודען זאָגען שירה, ער געהט מיט זיי ווייטער און ווייטער, אין די מדבר, דערצעהלט אונזער גרויסקייט, ווי אַזוי מיר זענען אַ פאָלק געוואָרען, קבלת התורה, בקלות וברקים, ער דערצעהלט ווי אַזוי מיר זענען אַריין קיין ארץ-ישראל, אַלץ, אַלץ דערצעהלט ער, ביז ער קומט צו צום חורבן, דאָ וויינט ער און וויינט, ס'דאַכט זיך, אַז אַלע יודען פון די גאַנצע וועלט וויינען מיט — — — — — — — — — —

אַלע חסידים זענען געוואָרען שטאַרק טרויעריג. דער חתן האָט זעהר שטאַרק געוויינט, ער האָט שטילערהייט פאַרגעצט זיין פאַרטשיילע, אַ סך עלטערע יודען האָבען זיך געווישט די אויגען, דער רבי איז געזעסען שטאַרק פאַרקלערט, מ'האָט געזעהן בחוש—ווי דער רבי פיהלט מיט בערישלען, דער רבי געהט איהם נאָך טריט ביי טריט... דער רבי האָט איהם נישט געוואָלט איבעררייסען, וועד ווייסט ווי לאַנג בערישל וואָלט אַזוי געוועהן געשפּילט, ס'האָט זיך געדאַכט—אַז ער וועט גאָרנישט אויפהערען, אַז ער האָט אַזוי פיל צו דערצעהלען, אַזוי טיף אַז ער וועט קיינמאָל נישט אויפהערען...

ס׳איז קיינער נישט מיטגעגאנגען דעם הערענדיג, נאר דער בדחן האט זיך געכאפט, און געגעבן א געשריי ארויס:

— א, וואס איז דאס — בעריש, א פרעהליכס!

מ׳האט געפילט ווי ער האקט איהם איבער אין רעכטן מיטן שפילען, בעריש׳ל האט געגעבן א הייב אויף דעם קאפ און גענומען שפילען א גאנץ יודיש פרעהליכס!...

דער בדחן האט גענומען צו זינגען. אלע כלי-זמר האבען אויפגעשטרעלט, דער חתן האט זיך אפגעווישט די טרעהרען, דער רבי האט זיך אבגעווישט דעם שווייס פון שטערן, עטליכע מינוט האט בעריש׳ל גע-שפילט פרעהליך, ביז ער האט געענדיגט.

ס׳איז געווארען א געשריי: מזל טוב, מזל טוב!

דער רבי האט אלע געענטפערט: מזל טוב. אלע האבען זיך אומגעקוקט אויפ׳ן כלי-זמר, ער איז געווען זעהר בלאס, עפעס פאר-שוויצט, ער האט אויסגעזעהן ווי ער וואלט איבערגעלעבט עפעס שרעק-ליכעס...

דער בדחן האט גענומען זאגען זיין גראמען. דער רבי האט זיך אויסגעדרעהט צו בערישען און געזאגט צו איהם:

— בעריש, קום נאר.

דער בדחן איז שטיל געווארען, בעריש׳ל איז צוגעגאנגען צום רבי׳ן, דער רבי האט צו איהם אזוי געזאגט:

— הערסט בעריש, איך האב געווינשט געהאט, דו זאלסט אזוי גוט שפילען, איך וואלט דיר געוואלט בעטען, דו זאלסט שבת-צו-נאכטס, זאלסט אריינקומען צו מיר און נאכאמאל איבערשפילען דעם ניגון!...

בעריש איז געבליבען שטארק דערשראקען, און געענטפערט דעם רבי׳ן:

— רבי, דעם ניגון וועט איך נישט צו כ׳וועל גאנצמאל קענען איבערשפילען. דאס, וואס איך האב דא געשפילט, איז מיר דא אויפ׳ן ארט איינגעפאלען, איך וועל נישט צי כ׳וועל נאר בכח זיין דאס נאך

אמאָל איבערצושפּילען...

דינר רבי האָט איהם געזאָגט אַ ישר־כח, בעריש׳ל האָט ווייטער צו־געשפּילט צום בדחנ׳ס גראַם, און אַוועקגעהענדיג פון חתן, איז בעריש׳ן אויפ׳ן וועג נישט גוט געוואָרען, מ׳האָט איהם געמוזט אַהיים טראָגען, און אין די זעלבע נאַכט איז בעריש׳ל געשטאָרבען...

## מד

# „אתחלתא דגאולה".

דמשה עשר בשבט, זענען צום קאָצקער רבי זצ״ל, געקומען אַנ׳עולם חסידים, מ׳האָט געמאַכט אַ סעודה, געטרונקען וויין, דער עולם האָט גע־זונגען, דער רבי איז זעהר פרעהליך געווען.

נאָך די סעודה איז דער רבי אַריין צו זיך אין שטיבעל, עטלי־כע מקורבים זענען מיט אַריין צום רבי׳ן, און אָנגעהויבען שמועסען מיט׳ן רבי׳ן מעניני דיומא. דער רבי האָט שטאַרק מחבב געווען ארץ־ישראל:

— אין ארץ־ישראל—הייבט אָן דער רבי—שפּירט מען ערשט דעם ראש־השנה לאלנות, הייגט הייבען דאָרט אָן צו בליהען די פירות, מיר דאָ זענען יוצא מיט פייגען, טייטלען, באָקס, אָבער דאָרט אין ארץ־ישראל איי, איי, איי!..

דער עולם האָט גענומען שמועסען פון ארץ־ישראל, מ׳און צוגע־קומען צו משיח׳ן, אלע האָבען זיך געוואונשען צו דערלעבען ביאת המשיח, צו הערען דעם שופר של משיח.

רופט זיך אָן דער רבי:

— איך וואָלט געוואָלט, אַז אַלע יודען זאָלען פאָהרען קיין ארץ־

ישראל:

די מקורבים האָבען זיך איבערגעקוקט, ס׳איז זיי געווען אַ וואונ־דער צו הערען פון רבי׳ן אַזעלכע רייד, טייל האָבען געפּרובט אויסטיי־טשען דעם רבינ׳ס ווערטער. אויף עפּעס אַנדערש...

דערווייל איז אָנגעקומען אין בית־המדרש אַריין דער חדושי הרי״ם זצ״ל, ער האָט זיך געהאַט פאַרשפּעטיגט. דער משמש האָט צו וויסען געגעבען ביים רבי׳ן, אַז דער חדושי הרי״ם איז דאָ. דער רבי ד׳האָט איהם געהייכען אַריינרופען.

דעם חדושי הרי״ם איז געווען זעהר קאַלט, ער איז אַריין צום רבי׳ן אין פוטער, דער רבי האָט איהם געגעבען שלום, אַלע מקורבים האָבען זיך געפרעהט מיט איהם, דער רבי האָט געהייסע דעם משמש צריינגעבען בראָנפען, דער חדושי הרי״ם האָט זיך געשטעלט דאַוונען מעריב, דער רבי האָט דערווייל געשמועסט ווייטער פון חמשה עשר אין ארץ־ישראל. ווען דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט אָבגעדאַוונט מעריב האָט דער רבי איהם געהייסען טרינקען בראָנפען, און געהייסען אַרייג, געבען וויעטשערע.

דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט זיך געוואַשען, דער רבי מיט די מקורבים האָבען זיך געזעצט אַרום טיש, מ׳האָט אַריינגעגעבען די שיריים פון טיש, דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט זיך דערוואַרעמט, און זיך אָנ־גערופען:

— כ׳האָב אפילו היינט געהאַט עגמת־נפש פון מיין נסיעה, כ׳האָב גערעכענט צו קומען פאַר די סעודה, נאָר בדיעבד בין איך אַצינד מעהר צופרידען: דער רבי איז דאָ ביי מיין טיש!...

דער רבי און די מקורבים האָבען גענומען שמייכלען.

— אַזוי—זאָגט דער רבי—טאָ גיב זשע חמשה עשר אויבס!

דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו זיין פוטער, אַרויסגענומען אַ גרויסען בייטעל מיט פירות, און זיי אויסגע־שיט אויפ׳ן טיש

— דאָס זענען מיינע חמשה עשר פירות, פון ווארשא—האָט גע־זאָגט דער חדושי הרי״ם זצ״ל.

— ס'אַליגען—זאָגט דער רבי—די פירות זענען פון ארץ־ישראל, נישט פון ווארשא.

דער עולם האָט געלאַכט.

דער רבי האָט דעם חדושי הרי״ם געהייסען זאָגען תורה. דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט זיך געקווענקעלט, אַלע האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט, ער זאָל זאָגען תורה מעניני דיומא.

דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט גענומען שמועסען פון חמשה עשר צר האָט דערמאָנט די גמרא זיין ראש השנה, געזאָגט עטליכע פשט'לעך.

דער רבי איז נישט צופרידען געווען, רופט זיך אָן דער רבי:

—דו ווייסט איטשע מאיר, אַז אין ארץ־ישראל וואָלסטו אַזאַ תורה נישט געזאָגט!..

— פאַרוואָס?—פרעגט דער חדושי הרי״ם זצ״ל.

— ווייל אין ארץ־ישראל—זאָגט דער רבי—איז חמשה עשר אני־אמת'ער ראש־השנה און מ'דאַרף נישט קיין פשט'לעך! איך זאָג, אַז חמשה עשר איז אַ סימן אויף אַתחלתא דגאולה!..

מה

# שבת שירה.

די מעשה האָט דערצעהלט אַן אַלטער קאָצקער חסיד אום שבת שירה:

— איי, יודען—הייבט אָן דער חסיד—ווער ס'האָט נישט געזעהן דעם אַלטען קאָצקער רבי זצ״ל, שבת שירה, דער קען גאָרנישט האָבע־

קיין בעגריף, וואָס ס'הייסט שמחה!

איך געדענק, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן, בין איך במעט אַ גאַנצען ווינטער געלעגען אין קאַצק, ווער האָט געוואָלט אָב־טרעטען, ס'איז געווען אַ פערגעניגען בלויז זיין פנים אָנצוקוקען, איי, איז דאָס געווען אַ חכם, כ'זאָג אייך, יודען, נישטאָ, ס'וועט נישט זיין נאָך אַזאַ רבי!

יאָ, כ'האָב אייך געוואָלט דערצעהלען פון שבת שירה, כ'געדענק נאָך ווי היינט, כ'בין געווען אין בית־המדרש, מ'האָט אָנגעהויבען צו לייענען „ויהי בשלח", דער רבי זצ"ל איז געשטאַנען ביים בעל־אמוד, אָנגעשפאַרט אין קלאָץ, דער בעל־קורא האָט אָנגעהויבען זעהר לעבע־דיג, אַלע חסידים האָבען עפּעס געשפּירט, אַז היינט וועט זיין אַ פרעה־ליכער שבת.

ווען דער בעל־קורא איז צוגעקומען צום פסוק: „ויקח משה את עצמות יוסף", האָט דער רבי זיך אויפגעשטעלט, מ'ד'האָט געזעהן ווי דער רבי זאָגט נאָך יעדעס וואָרט, דער רבי האָט אויסגעזעהן זעהר פרעהליך, זיין פנים האָט געשיינט, די אויגען האָבען געלויכטען, מ'האָט געפיהלט ווי דער רבי לעבט נאָך אַמאָל איבער די שמחה פון יציאת מצרים. ווען דער בעל־קורא האָט געזאָגט דעם סוף פסוק: „פקוד יפקד אלקים אתכם, והעליתם את עצמותי מזה אתכם", האָט דער רבי פרעהלעך נאָך געזאָגט די ווערטער, אַלע חסידים זענען געוואָרען זעהר פרעהליך, מ'האָט געפיהלט ווי די יודען געהן אַרויס פון מצרים, און נעמען מיט יוסף'ס ביינער, אַלע יודען טראָגען זיין אָרון אויף די אַקסלען, מ'געהט פרעהליך אַרויס פון מצרים...

דערנאָך ווען דער בעל־קורא האָט גענומען לייענען ווייטער: ווי די מצרים יאָגען נאָך די יודען, און די יודען קריגען זיך מיט משה'ן: „המבלי אין קברים במצרים, לקחתנו למות במדבר", האָט זיך דער רבי איינגעקאָרטשעט, מ'האָט געפיהלט ווי דער רבי שעמט זיך, עפּעס קאָן ער נישט צוקוקען די יודען, וואָס ווילען בעסער: „כי טוב לנו עבוד

את מצרים, ממתנו במדבר", מ'זעהט ווי דער רבי שפּייט אויס מיט כּעס, פּאַסקודנע מצרימניקעס, גיב זיי אַ „סיר הבשר", וועלען זיי ליגען אין מצרים, און בויען „פּתום ורעמסס", איי, יודען נישט אויסצוהאַלטען מיט איך, איין מינוט אַ שלעכטע, און זיי ווילען שוין צוריק קיין מצרים! דערנאָך ווי משה זאָגט צו די יודען: „אל תיראו", האָט קיין מורא נישט. איהר וועט באַלד זעהן, וואָס גאָט וועט אייך היינט טוען, די מצריים וואָס איהר האָט זיי היינט געזעהן, וועט איהר זיי שוין מעהר נישט זעהן! „ה' ילחם לכם ואתם תחרשון"! האָט דער רבי אויפגעלעבט. מ'האָט געזעהן ווי דער רבי טאַנצט אויש פאַר שמחה, ער האָט געזאָגט צום בעל-קורא: לייען ווייטער, לייען!!!

דער בעל קורא האָט גענומען לייענען שלישי: „ויאמר ה' אל משה, מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו", האָט מען געזעהן ווי דער רבי האָט אויסגעשריגען שטילערהייט: גוו! פאָהרטס, וואָס שטעהט עטץ!... און ווייטער, ווען גאָט הייסט משה'ן אויפהייבען די האַנד און געבען אַ נייג אויפ'ן ים, וועט ער זיך שפּאַלטען, האָט דער רבי גע-געבען אַ שטאַרקען מאַך מיט די האַנד, פּונקט ווי ער וואָלט געגעבען אַ קלאַפּ איבער'ן ים, מ'האָט געזעהן ווי דער רבי לעבט איבער די גאַנ-צע יציאת מצרים: ווי די יודען געהן אַדורך דעם ים, ווי די מצריים יאָגען זיי נאָך, און ווי די מצריים טרינקען זיך, מ'האָט געזעהן ווי דער רבי איז כּול מיט שמחה. ווען דער בעל-קורא האָט געענדיגט דעם פּסוק: „כי ה' נלחם להם", האָט דער רבי געשטראַלט, גאָט אַליין האַלט מלחמה פאַר די יודען!... די פּרשה פון די שירה האָט מען אויפגערופען דעם רבי'ן, דער רבי האָט געמאַכט די ברכה שטאַרק הויך און פרעהליך, מען האָט געזעהן ווי דער רבי גרייט זיך צו צו די שירה. דער בעל קורא האָט אָנגעהויבען און, דער רבי האָט נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, ביז ער איז צוגעקומען צו די שירה, האָט דער רבי כּמעט אַזוי דהויך געזאָגט ווי דער בעל-קורא, זיין פּנים האָט געשטראַהלט. ער איז געווען מלא שמחה, ער האָט אָנגעהויבן: „אז ישיר", און כּסדר נאָך געזאָגט אַזוי

הויך, אזוי פרעהליך, דאָס גאַנצע בית המדרש איז פול געוואָרען מיט שמחה, אַלע חסידים האָבען גענומען מיטזאָגען די שירה, ס׳האָט זיך געדאַכט ווי די יודען זענען אַצינד אַריבער דעם ים, און מען זאָגט די שירה!... יעדען פסוק האָט דער בעל קורא געלייענט אזוי הויך, אזוי שאַרף, דער בעל קורא אַליין איז געוואָרען אַ׳אַנדערער מענש, דער רבי האָט אויף איהם געווירקט, איך זאָג אייך יודען, כ׳האָב דאַמאָלסט דערשפירט דעם טעם פון די שירה, יעדעס וואָרט האָט געלעבט, מען האָט געפיהלט די פירוש-המילות, אפילו די פראָסטע יודען וואָס זענען געווען אין בית המדרש, האָבען אויך פאַרשטאַנען די שירה. ווען דער בעל קורא איז צוגעקומען צום פסוק: „ד׳ ימלוך לעולם ועד״, האָט דאָס בית המדרש געציטערט פון געשריי!...

דערנאָך ווייטער, ווען מען האָט געגומען די פויק, און אַלע זייבער נאָך, און זי זינגט די שירה, האָט מען געפיהלט ווי דער רבי זאָגט מיט, אַ שמחה, אַ פרייד, אויף אַלע יודען!..

אזוי האָט מען אָבגעלייענט די סדרה, נאָכ׳ן מסוף דאָס מען געזעהן ווי דער רבי איז אזוי פרעהליך געווען ווי קיינמאָל.

נאָכ׳ן עסען זענען אַלע חסידים געקומען צום טיש, דער רבי איז געווען זעהר פרעהליך, קיין תורה האָט דער רבי נישט געזאָגט, נאָר דער רבי האָט מסדר געשמועסט פון די שירה,—איך זאָג אייך יודען; איהר האָט נאָך אויף אייער לעבען אזא פרעהליכקייט נישט געזעהן. דער עולם האָט גענומען זינגען, דער רבי האָט געהייסען זינגען די שירה, אַלע חזידים האָבען גענומען זינגען „אָז ישיר״, דער רבי האָט גענומען טאַנצען, אַלע חסידים האָבען געמאַכט אַ ראָד, דער רבי איז אַריין אין ראָד און מיר געטאַנצט, מיר האָבען אזוי געטאַנצט עטליכע שעה, מ׳האָט גאָר פאַרגעסען ווי לאַנג מיר האָבען געטאַנצט, איי איז דאָס געווען אַ שבת, כ׳זאָג אייך יודען, דעם שבת שירה האָב איך געפילט ווי איך און אַלע יודען זענען אַרויס פון מצרים, און אַריבער דעם ים!..

איי, איז דאָס געווען אַ שבת

## מו

# דעם חדושי הרי״מ'ס חיבור.

דער אַלטער גערער רבי, דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט געהאַט אָנגעשריבען אַ גרויס חיבור אויפ׳ן „ש״ך״, דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט געאַרבייט איבער דעם חיבור אַכטצעהן יאָהר, דאָס איז געווען אַ גוואַלדיג חיבור, אויפ׳ן גאַנצען חושן משפט, דאָס איז געווען איינס פון זיינע גרעסטע ספרים, וואָס דער הדושי הרי״ם זצ״ל האָט געמאַכט ביי זיין לעבען.

ווען דאָס חיבור איז פאַרטיג געוואָרען, האָט דער חדושי הרי״ם זצ״ל געברענגט זיין ספר צום קאָצקער רבי׳ן, און עס איבערגעלאָזט ביים רבי׳ן

דאָס ספר איז געלעגען ביים רבי׳ן אַ צייט, דער רבי האָט עס איבערגעקוקט און שטאַרק דערפון נתפעל געוואָרען

ווען דער חדושי הרי״ם זצ״ל איז שפּעטער געקומען קיין קאָצק האָט ער זיך נאָך געפרעגט ביים רבי׳נס זוהן, ר׳ דוד׳ל, וואָס דער רבי האָט געזאָגט אויף זיין חיבור.

זאָגט צו איהם ר׳ דוד׳ל:

— „דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז נאָך אייער חיבור נאָך, וויס ער נישט וואָס דער „ש״ך״ זאָל האָבען אויפגעטאָן...״

ווי דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער געבעטען ר׳ דוד׳לען, ער זאָל איהם אַרויסברענגען זיין חיבור, דער חדושי הרי״ם זצ״ל האָט גענומען דאָס גאַנצע ספר זיינס צוגעגאַנגען צו אַ גרויס׳ן אויווען ווען ער האָט זיך געברענט, אַריינגעוואָרפען זיין חיבור און געזאָגט די ברכה:

—„ברוך אתה אשר קדשנו במצותיו וצונו לקיים דברי חכמים“..
(ד. ה.: „ער דאנקט גאט, וואס איז איהם אונטערגעקומען מקיים צו זיין די רייד פון די חכמים“..

און האט פארברענט דאס גאנצע ספר זיינס אויף אש!..

דער אלטער קאצקער רבי זצ"ל איז דערנאך געוואר געווארען פון די מעשה, האט ער פון דעם געהאט גרויס עגמת נפש, און האט גע־זאגט:

— איי, איי, א כח פון א יוד! וואס האב איך דען געזאגט?!..

ס'איז שוין געווען פארפאלען, דאס חיבור איז פארברענט געווע־דען, און אין א צייט ארום, האט דער חדושי הרי"ם זצ"ל, געמאכט א צווייט חיבור אויף „ש"ך“, וועלכעס מ'רופט דר'ייגט מיט'ן נאמען: „חדושי הרי"ם“.

מז

## „דריי מצוות“.

צום קאצקער רבי'ן זצ"ל איז אמאל געקומען צוויי גרעמדע יודען האבען א דין־תורה. דער רבי האט נישט געוואלט פסק'ענען קיין דין־תורות, האט זיך איין יוד אנגערופען צום רבי'ן:

— רבי, מיר זענען געקומען צו אייך וועגען א דין־תורה, וואס געהערט זיך אן מיט די „דריי מצוות“, וואס נשים זענען אויך זיי מחויב..

דער רבי האָט אַפילו נישט געהאַט קיין חשק אויסצוהערן, נאָר די מעשה אַליין, וואָס דעם רבי'ן פאַר אינטערעסירט, האָט ער געהייסן איינעם פון זיי דערצעהלען בקיצור.

רופט זיך אָן דער עלטערער:

— רבי, מיר זענען ביידע מחותנים, אונזערע קינדער האָבען זיך מתחתן געווען, מיין זוהן מיט זיין טאָכטער, מיין זוהן איז אַ בן־תורה, ער זיצט און לערנט, ער איז אַפילו נישט קיין חסיד, נאָר לערנען קען ער. דעם יודס טאָכטער איז נישט קיין פרומע, אַזוי זאָגט מיין זוהן, און ער וויל מיט איהר נישט וואוינען, על כן זענען מיר ביידע געקומען צו אייך רבי, איהר זאָלט אונז ביידע אויסהערען, יעדער וועט טענה'ן זיין טענה, און ווי איהר רבי וועט פסק'ענען, אַזוי וועלען מיר מקיים זיין.

דער רבי האָט געהייסן טענה'ן דעם צווייטען צד, רופט זיך אָן דער צווייטער מחותן:

— רבי, דאָס וואָס מיין מחותן האָט אָנגעלויגט זיין זוהן, אַז ער איז אַ בן־תורה, ער זיצט און לערנט, ער איז נישט קיין חסיד, און מיין טאָכטער איז נישט קיין פרומע, איז ליגענד. איך, רבי, וועל אייך דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, וועט דער רבי זעהן, ווער ס'איז גערעכט:

דעם זומער האָבען אונזערע קינדער חתונה געהאַט, איך האָב צוגעזאָגט קעסט, ווי דער שטייגער איז, דער מחותן מיינער האָט אויך צוגעזאָגט קעסט, די קינדער זענען געזעסען ביי מיר, איך האָב זיי אָבגעגעבען אַ שטוב, דער יונגערמאַן איז צום אָנהויב געזעסען און געלערנט, און עטליכע וואָכען נאָך דער חתונה האָט ער זיך גענומען חבר'ן מיט שלעכטע חברים, ער האָט גענומען שפּילען אין קאָרטען, מיין טאָכטער האָט צום אָנהויב מיר נישט דערצעהלט דערפון, נאָר זעהענדיג ווי ער פאַרשפּילט איהר ציהרונג, האָט זי איינמאָל פאַר מיר גענומען וויינען, פאַשר איהר מאַן, זיצט גאַנצע נעכט מיט אַ חברה אַז

שפּילט אין קאָרטען. ער האָט שוין פאַרשפּילט איהר גאַנץ ציהרונג.

איך האָב געמאַכט אַ געשריי, כ'האָב איהם אַריינגערופען צו מיר, און אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, וואו ער האָט איהר ציהרונג, דער חברה-מאַן האָט זיך געשעהמט פאַר מיר, ער האָט זיך אַרויסגע-קריגען פון שטוב, און אַוועק אַהיים, צו זיין טאַטען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט מסתמא נישט דערצעהלען זיין טאַטען דעם אמת, האָב איך אַוועקגעשריבען מיין מחותן אַ בריוועל, וואו כ'האָב איהם אַלץ דערצעהלט, געמיינט האָב איך, אַז דער מחותן וועט קומען צו מיר, און מיר וועלען אויסלייזען דאָס ציהרונג, און מאַ-כען שלום צווישען פאָר-פאָלק.

צום סוף האָט דער מחותן מייגער מיר נישט געענטפערט, איך האָב אַליין אויסגעקויפט צוריק דאָס ציהרונג, איך בין אַראָבגעפאָהרען צו מיין מחותן, כ'האָב זיך געוואָלט דערוויסען, וואָס מיין איידעם האָט דאָרט געזאָגט.

מיין מחותן איז אויף מיר אָנגעפאַלען, מיך מיט מיין טאָכטער בעזידעלט, באשר זי וויל נישט אָבהיטען די דריי מצוות, און זיין זוהן וויל נישט מעהר זאַיינען מיט מיין טאָכטער.

איך האָב געלייקענט זיינע רייד, דער איידעם מייגער האָט זיך געשעמט צו ווייזען זיך פאַר מיר, איך האָב געפּרובט איבערציינגען מיין מהותן, אַז ס'איז נישט ריכטיג, ווי זיין זוהן האָט איהם דערצעהלט, האָט ער נישט געוואָלט הערען. ביז ס'איז געבליבען ביי אונז, אַז מיר זאָלען אַריבערפאָהרען צו אייך רבי, און איהר רבי זאָלט פּסק'נ'ן: צי זיי זאָלען לעבען ווייטער צווישען זיך, אָדער זיי זאָלען זיך גט'ן?

דער רבי האָט אויסגעהערט ביידע טענות, האָט ער זיי געהייסען אַוועקגעהן און קומען מאָרגען.

אויף צומאָרגענס, זענען ווידער געקומען ביידע מחותנים, דער רבי האָט זיי געהייסען מקבל קנין זיין, דערנאָך פרעגט דער רבי:

— וואו הייסט דער יונגערמאַן?

— משה—זאָגט דער ערשטער מחותן.

— און ווי הייסט זי?

— הנה—זאָגט דער צווייטער מחותן.

דער רבי האָט זיך אַ ביסעל פאַרקלעהרט, און אַזוי געזאָגט:

— איהר ווייסט, אַז די ראשי תיבות פון „חנה" מאַכט: חלה, נדה, הדלקת הנר! דאָס זענען די דריי מצוות, וואָס נשים זענען אויף זיי מחויב, אַזוי ווי זי הייסט חנה, גלויב איך, אַז זי איז אַ יודישע טאָכטער, און זי איז מקיים די דריי מצוות! דערום זאָג איך—אַז זיי זאָלען צוריקגעהן וואוינען!...

ביידע מחותנים זענען אַהיימגעפאָהרען צופרידען, און דאָס פאָר־פאָלק איז צווישען זיך געוואָרען צוריק שלום.

מז.

# אריכות ימים.

אַמאָל איז צום אַלטען קאָצקער רבי'ן זצ"ל, געקומען זעהר אַן אַלטער יוד, מ'האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז שוין אַלט העכער 100 יאָהר.

בשעת דער אַלטער יוד איז אַריינגעקומען צום רבי'ן, האָט זיך דער רבי פאַר איהם אויפגעשטעלט דער אַלטער איז נאָך געווען געזונד, געקוקט אָהןברילען, גערעדט גאַנץ שאַרף, דער רבי האָט איהם געבעטען זיצען, דער יוד איז נישט געווען קיין עם הארץ, פרעגט איהם דער רבי:

— איהר האָט געקריגען אַ ברכה פון וועמען?

— פון איהם!—ווייזט דער אַלטער צום הימעל—האָב איך געקריגען אַ ברכה, און גאָט זאָל מיר ווייטער העלפען.

דער רבי האָט געשמייכעלט, און ווייטער גערעדט מיט'ן אַל-טען.

**דער אַלטער יוד האָט זיך אָנגערופען צום רבי'ן:**

— רבי, מסתּם געדענקט דער רבי די גמרא: „לא יטול אָדם אם על הבנים, אַפילו לטהר בה את המצורע, ומה אם מצוה קלה שהיא כאיסר, אָמרה תורה למען ייטב לך והארכת ימים, קל וחומר על מצות חמורות שבתורה". (אַ מענש זאָל נישט אַראָבנעמען די מוטער פון די פייגעלעך, ווען מ'געפינט אַ נעסט, אַפילו צו רייניגען אַ מצורע, און מה-דאָך ביי אַזאַ גרינגע מצוה, האָט די תורה צוגעזאָגט אַריכות ימים, היינט אַ קל וחומר ביי גרעסערע מצוה איז אַודאי דאָ אַריכות ימים).

נאָך וואָס האָב איך דעם רבי'ן דערמאָנט די גמרא, כ'האָב דעם רבי'ן געוואָלט דערצעהלען אַ קליין מעשה'לע, וואָס איז מיט מיר אַליין געשעהן יונגעלווייז: דאָס איז געוועזן אום זימער, איך האָב זיך יונ-געלווייז ליב געהאַט צו געהן באָדען הינטער דער שטאָט, איינמאָל פאַרנאַכט, געה איך מיט נאָך אַ חבר מיינעם זיך באָדען, ער איז שוין אויפ'ן עולם אמת, האָבען מיר דערזעהן אויף אַ בוים אַ גניאַזדע מיט פייגעל, מיין חבר איז געוועזן אַ גרויסער שטיפער, ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען, און הייבט אָן אַרויפקריכען אויפ'ן בוים, איך האָב דערזעהן ווי ער קריכט, שריי איך צו איהם: הערשיל מ'טאָר דאָך נישט, האָסט דאָך היינט געלערנט דאָס חומש, אַז מ'טאָר נישט צונע-מען די מוטער פון די פייגעלעך, ער הערט מיך נישט, איך האָב גע-זעהן, אַז כ'וועל מיט מיין שרייען גאָרנישט העלפען, בין איך צו צום בוים, און מיט אַ שטעקען האָב איך איהם גענומען שלאָגען, ער זאָל אַראָב פון בוים, דערווייל איז אָנגעגאַנגען אַנ'אַלטער פויער, אפשר אַזוי אַלט ווי איך היינט, ער איז צוגעקומען צום בוים, פרעגט ער מיך, נאָך וואָס מיין חבר קריכט אויפ'ן בוים, איך האָב איהם דער-ציילט, אַז מיין חבר וויל אַראָבנעמען די מוטער פון די קליינע פיי-געלעך, און איך לאָז איהם נישט.

זאָגט צו מיר דער פויער:

— דו וועסט לעבען 120 יאָהר, און ער—קיין העלפט נישט.

דער פויער איז אוועק. מיין חבר האָט אראָבגענומען די מוטער איך האָב אויף איהם געשריגען, ער האָט איהר מיט גענומען אהיים, דאָרט איהר געבאָוועט, איך האָב איהם פיינד געקריגען דערפאַר.

—נו רבי—זאָגט דער אַלטער—אפשר פאַר די מצוה האָב איך אריכות ימים?

זאָגט צו איהם דער רבי:

— אייב איהר קלערט צוליב וועלכע מצוה, קענט איהר אָנהויבען פון אַלע מצוות, און ביי כבוד אָב איז נישטאָ קיין אריכות ימים! דער עיקר איז, אַז מ'טהוט אַ מצוה, זאָל מען נישט אין זינען האָבען דעם „מתן שכרה בצדה", אויב מ'האָט אין זינען דעם שכר, איז ממילא די מצוה קיין מצוה נישט, איך זאָג—אַז אריכות ימים איז טאַקי ווי די גמרא זאָגט: „למען יאריכון ימיך לעולם שכולו אָרוך!" דאָס מיינט מען עולם הבא!...

## מט

# תלמוד-תורה.

פון קאָצקער רבי'ן זצ"ל איז געקומען עטליכע חשובי בעל הבתים פון קאָצק, און האָבען געבעטען ביים רבי'ן, אַז דער רבי זאָל זעהן שאַפען ביי רייכע חסידים געלד אויף אַ תלמוד-תורה אין קאָצק.

בשעת דער רבי האָט אויסגעהערט נאָך וואָס זיי זענען געקומען צו איהם, האָט דער רבי גענומען שרייען:

— און וואָס וועט איך טוען מיט׳ן „אלו דברים שאין להם שיעור״? ס׳שטעהט דאָך „ותלמוד תורה כנגד כולם״, ווילט איך די מצות, אוועק געבען מיינע חסידים!

די בעלי הבתים האָבען גענומען שמייכלען:

— שאַט נישט רבי — זאָגען די בעלי הבתים — מיר וועלען אויך געבען, אָבער מיר דאַרפען אַ סך געלד, און אַזויפיל געלד האָבען מיר נישט.

דער רבי האָט זיי אָנגעקוקט, און האָט זיי אַזוי געזאָגט:

— איך וועל אייך דערמאָנען אַ גמרא אין ברכות. איך האָט שוין אפשר פאַרגעסען, די גמרא דערצעהלט אַ שיינע מעשה: אַמאָל האָט מען אויף יודען גוזר געווען אַ גזירה, אַז די יודען זאָלען אויף הערען לערנען! איינמאָל האָט פפוס בן יהודה, געטראָפען ר׳ עקיבא׳ן מיט אַ סך תלמודים זיצען און לערנען, זאָגט פפוס צו ר׳ עקיבא׳ן: ד׳האָסט גאָרנישט קיין מורא פאַר די גזירה? האָט איהם ר׳ עקיבא געענטפערט: כ׳וועל דיר זאָגען אַ משל, וועסטו מיר פאַרשטעהן: אַ פוקס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טייך, זעהט ער ווי די פיש לויפען אַהין און צוריק, פרעגט ער די פיש: וואָס לויפט איהר אַזוי? האָבען זיי איהם געענטפערט: — מיר האָבען מורא פאַר די נעצין, וואָס די מענשען פאַראייטען פאַר אונז; זאָגט דער פוקס צו זיי: אפשר ווילט איהר אַרויסגעהן אויף די יבשה, וועט איהר וואוינען מיט מיר אינאיינעם, ווי מיינע עלטערען האָבען מיט אייערע עלטערען געוואוינט, האָבען איהם די פיש געענטפערט: — אויף דיר זאָגט מען, אַז דו ביסט דער קלוגסטער צווישען די חיות, דו ביזט אַזאַ נאַר, אַז ס׳איז פאַר אונז אַ חרפה מיט דיר צו רעדען, מה דאָך אין וואַסער, וואו ס׳איז אונזער חיות, האָבען מיר מורא, היינט אַ כל שכן אויף די יבשה, וואו ס׳איז אונזער טויט, דאַבען מיר אַודאי מורא!... אַזוי — זאָגט ר׳ עקיבא — איז מיט אונז. כּה דאָך אין די צייט, ווען מיר זענען עוסק אין די תורה, וואָס ביי די תורה שטעהט: „כי היא חייך, ואורך ימיך״, האָבען מיר מורא; היינט

אַ כל שכן מיר וועלען אויפהערען לערנען, דאַרפען מיר זאָך גן כמעהר מורא האָבען!...

און אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען געכאַפּט ר' עקיבאָ'ן, און מ'האָט איהם איינגעזעצט אין תפיסה, אויך פּפּוס'ן האָט מען איינגעזעצט אין די זעלבע תפיסה, פרעגט ר' עקיבא פּפּוס'ן: -פאַרוואָס האָט מען דיך אַהער געבראַכט? האָט איהם פּפּוס געענטפערט: וואויל איז דיר ר' עקיבא, וואָס מ'האָט דיך איינגעזעצט צוליב די תורה, און וועה איז צו פּפּוס'ן, וואָס מען האָט איינגעזעצט צוליב דברים בטלים!...

דערנאָך דערצעהלט די גמרא, אַז בשעת מען האָט געבראַכט ר' עקיבאָן, צו די הריגה, איז פונקט געווען אין די צייט, ווען מען דאַרף זאָגען קריאת שמע, האָבען די רוצחים געריסען דאָס לייב פון ר' עקיבאָ'ן מיט אייזערנע קעם, און ר' עקיבא האָט אין די מינוט מקבל באהבה געווען די יסורים און געזאָגט שמע ישראל!...

די תלמידים זיינע, וואָס זענען דערביי געשטאַנען, האָבען צו איהם געזאָגט: רבי, ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו זיך מוסר נפש זיין? האָט זיי ר' עקיבא געענטפערט: מיין גאַנץ לעבען האָב איך זיך מצער געווען אויפ'ן פסוק: "בכל נפשך", זאָגט די גמרא: "אפילו הוא נוטל את נפשך", האָב איך מיר געטראַכט, ווען קען מיר אויסקומען איך זאָל מקיים זיין די מצוה? און אַצינד, אַז די מצוה איז מיר אונטער געקומען, זאָל איך איהר נישט מקיים זיין?.. זאָגט די גמרא, אַז ר' עקיבא האָט אַזוי לאַנג געזאָגט "אחד"—ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען ביי דעם וואָרט...

—נו איהר פאַרשטעהט גאָך וואָס איך האָב אייך דערצעהלט די מעשה?—אַז גאָט האָט אייך צוגעשיקט מקיים צו זיין די מצוה פון "תלמוד תורה", ווילט איהר זי אַוועקגעבען אַנדערע? אַרויס! אַרויס!...

נ

# אליהו הנביא'ם כוס.

דאָס וואָס איך וועל אייך דאָ דערצעהלען, איז געשעהן ביים אַלטען קאָצקער רבי'נס סדר, שוין אין די לעצטע יאָהרען. בשעת מ'האָט אָנ-

געגאָסען אליהו הנביא׳ס כוס, האָט זיך דער רבי אויפגעשטעלט, און אָנגעהויבען זאָגען „שפוך חמתך“.

דער רבי האָט זעהר הויך געשריגען מעת׳ן זאָגען. מ׳האָט געפילט ווי דער רבי זאָגט עס מיט׳ן גאַנצען כעס, יעדעס וואָרט זיינס האָט געדונערט. ער האָט דערצעהלט אונזערע צרות, אַלע עוולות וואָס מ׳טוט אונז. דער רבי האָט אַזוי הויך געשריגען, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער רבי וויל דאָ אויסגיסען דעם גאַנצען יודישען צאָרען אויף זייערע קעפּ.. בשעת דער רבי האָט געענדיגט זאָגען שפוך חמתך, און מ׳האָט פאַרמאַכט די טהיר, האָט דער רבי געהייסען אָנגיסען דעם פערטען כוס, און געוואָלט אָנהויבען זאָגען „הלל“, אין דעם גיט דער רבי אַ קוק: —אַ, וואו איז אליהו הנביא׳ס כוס?

מ׳האָט נישט געזעהן ווער ס׳האָט איהם צוגענומען, ער איז נישט געווען. דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט. מ׳האָט אָנגעהויבען פרעגען:

—ווער האָט צוגענומען דעם כוס?

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופען, ביים טיש איז געווען אַ גאַ־אורח אַ פרעמדער, דער אורח איז געווען אַ טרינקער, ער האָט אויסגענוצט די גראַמשקע, האָט ער אויסגעטרונקען דעם כוס, און אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט דאָס גלעזעל. דער אורח האָט דערזען דעם קאָך, וואָס איז געוועזען ביים טיש, האָט ער זיך פאַרשעמט, און זיך איינגעבויגען מ׳זאָל איהם נישט דערקענען, דער רבי האָט איהם בעמערקט, זאָגט צו איהם דער רבי:

— ר׳ יוד, שעמט אייך נישט, אליהו הנביא איז אויך אַ גאַ׳אורח. אַז ער האָט נישט געטרונקען, האָט איהר גאַנץ גלייך געטוען !...

דער עולם האָט גענומען לאַכען. דער יוד האָט זיך אויפגעזעצט און זיך מודה געווען, אַז ער האָט אויסגעטרונקען דעם כוס...

זאָגט צו איהם דער רבי:

— דערלעבט איבער אַ יאָהר, און טרינקט ווייטער אויס אַ־אליהו ה־הנביא׳ס כוס!...

אַלע האָבען געלאַכט